**ר' יצחק:** שוין, און דברוך השם איז לערנען די מצוה, די מצוה פון מקרא מגלה. און מיר האבן געלערנט אין די פריערדיגע פרק די עיקר מצוה, די חיוב, ווער ס'איז מחויב, אין וועלכע טאג מ'טוט עס, און די טעגסטערענען וואס מ'האט געלערנט. יעצט קען מען לערנען די פרטי הדינים פון די מצוה. אזוי ווי רבי יודשלום האט באמערקט, יעדע מצוה דאורייתא גייט אויך אזוי, ס'איז דא די עיקר הדין, ס'איז דא פרטי הדינים, און הגם די גאנצע מצוה איז דרבנן, איז נאך אלץ די זעלבע זאך, ס'איז דא א מצוה און ס'איז דא פרטים, כללים וכו'.

**דיגרעסיע: מצוות דרבנן**

און אונזער פרענד הרב ר' יואל לאוי האט ארויסגעגעבן א זמירות אזא פאר די הייליגע טעג, אזוי ווי מ'קען נאר געהעבן און מ'נעמט צוזאמען זמירות און ניגונים וואס מ'קען זינגען. און מ'האט געזען אז ער ברענגט נאך פון אונזער שיעור פון הרב אשר לייב מיט ר' יצחק לאוי, אז זיי האבן גערעדט וועגן דעם אז דער עולם ווייסט אז ס'איז דא זיבן מצוות דרבנן,

**ר' יואל אשר:** אבער אונז האבן געזאגט אז דאס איז עפעס א חידוש פון איינער.

**ר' יצחק:** איך געדענק נישט ר' חיים וויטאל, ניין, פארדעם, איך געדענק נישט. עפעס אן אחרון, אבער ס'איז נישט... דער רמב"ם איז קלאר אין שורש אל"ף אז וועו מ'האט גערעכנט מצוות דרבנן וואלט געזען טויזנטער, און דער רמב"ם רעכנט ער נאר דריי מצוות דרבנן, יא? די צוויי מצוות, און די מצוה פון... וואס מ'האט געלערנט? הלכות אין ספר זמנים איז געווען נאך איינס, יא? עירוב, וואס איז א מצוה דרבנן, רעדט? דער רמב"ם האט עס גערעכנט אלס איין מצוה. אנדערע מצוות רעכנט נישט דער רמב"ם, ווייל דאס איז נישט קיין ליסט, אבער מ'זאל זיך לערנען פון דעם. יעדער איינער זאל זיך לערנען פון דעם וואס מ'לערנט ביי אונז. די שיעור זאל מען אריינשרייבן אין די אייגענע ספרים און מרחיב זיין.

**ר' יואל אשר:** ווייל דאס מיינט אייניקלעך. קודם הערן אידן אויס די שיעור, און אידן וואס הערן אויס די שיעור, רעדן וועגן דעם, שרייבן וועגן דעם. דאס איז שוין נו אנחנו ותאצאינו ותאצאי צאצאינו. ותאצאי צאצאינו מיינט נישט אין דרייסיג יאר ארום, ס'מיינט יעצט, ווייל א מענטש מאכט צאצאים און ער לערנט, און די תלמידים מאכן צאצאי צאצאינו. געוואלדיג.

**הלכה א: הקורא את המגילה למפרע לא יצא**

**ר' יצחק:** אונז גייען מיר לערנען די ערשטע הלכה,

**ר' יואל אשר:** הלכה א', די צווייטע פרק. זאגט דער רמב"ם, **"הקורא את המגילה למפרע לא יצא"**. איינער וואס האט געליינט די מגילה, "למפרע" איז טייטש ער הייבט אן מיט די לעצטע פסוק, ער גייט צוריק צוריק צו וועגס, "לא יצא", האט ער נישט יוצא געווען, ווייל דאס איז נישט דער אופן.

**ר' יצחק:** מען דארף ליינען אויף א סדר.

**ר' יואל אשר:** מען דארף ליינען אויף א סדר, אזוי איז די מגילה געשריבן געווארן. איך מיין אז אויך, ספעציעל ווען ס'איז א מעשה, א סטארי, גייט דאך עס אז מען דארף מיטהאלטן די דראמא. מען דארף ווערן בצער ווען די אידן זענען בצער און ווערן פריילעך. און אז מען געבט די ספוילער ביי די ענד גלייך אנפאנג,

**ר' יצחק:** ווערסטו שוין נישט קיין מעשה. אפשר מיינט ער אז ס'איז א סגולה, אזוי ווי מען זאגט אז ליינען לשבח צוריק צו וועגס. ניין, ס'איז נישט קיין סגולה,

**ר' יואל אשר:** מען דארף עס פארשטיין. ניין, איך קען טראכטן אזוי, ווייל באמת וואלט געווען א וועליו, און דער מענטש ליינט שוין די מגילה פאר פערציק, פופציק יאר. ער וויל מאכן עפעס אינטערעסאנט. ער וויל אויפשאקלען זאכן. זאגט ער, ווייסטו וואס? דאס גייט מען ליינען בעקווערדס.

**ר' יצחק:** ס'איז דאך פורים, דאס מאכט אזוי נהפך. ניין, מ'דארף ליינען אויף א סדר. "לא יצא". אקעי.

**דין פסוק ששכח**

יעצט, נישט נאר די גאנצע זאל מען נישט ליינען אזוי ווי דו זאגסט צוריק צו וועגס, נאר פארדעם לייגט ער דער רמב"ם, אפילו איין פסוק ווען מען נישט ליינען צוריק צו וועגס,

**ר' יואל אשר:** יא? אזוי גוט. **"קרא ושכח פסוק אחד, וקרא פסוק השני לו"**. ער האט געליינט איין פסוק און ער האט געליינט נאכדעם די נעקסטע פסוק. און נאכדעם האבן זיי געגאנגען... ער האט פארגעסן די נאמבער 1, ער

איז געגאנגען צו נאמבער 2. יעצט וויל ער צוריקגיין צו נאמבער 1. **"וחזר וקרא פסוק ששכח"**. איך האב שוין געליינט פסוק ב׳,

**ר׳ יצחק:** דארף איך נישט זאגן נאכאמאל דאס, איך גיי שוין גלייך צו פסוק ג׳.

**ר׳ יואל אשר:** זאגט ער, נאר **"שקרא פסוק אחד למפרע"**.

**ר׳ יצחק:** די איין פסוק וואס

**ר׳ יואל אשר:** דו האסט געליינט למפרע, ס׳איז נישט געווען כסדרו.

**ר׳ יצחק:** נאכאמאל, דו האסט פארגעסן פסוק א׳ איז צוריקגעגאנגען נאך ב׳. און נאך א׳ איז עס געגאנגען צו ג׳. בייזל האט שוין געזאגט פאר אלף, ס׳איז דאך מפרע, ממילא **"אלא כיצד עושה"**. זייער פשוט. **"מתחיל"**.

**ר׳ יואל אשר:** **"אלא כיצד עושה"**. וואס טוט זיך ווען מ׳האט פארגעסן? דארף מען אנהייבן די מגילה פון גלייכן אנפאנג. זאגט ער, ניין, **"מתחיל מפסוק שני ששכח וקורא על הסדר"**. נאכדעם וואס ער זאגט איבער דאס וואס ער האט פארגעסן, גייט ער ווייטער על הסדר,

**ר׳ יצחק:** און מ׳גייט נישט צוריק. ער סקיפט נישט, בעיסיקלי. ער סקיפט נישט, ווייל דו מיינסט וואס האט עס שוין געזאגט, ווייל דעמאלטס קומט אויס אז ער האט עס יעצט געזאגט אין די ראנג ארדער.

**ר׳ יואל אשר:** איך מיין, די צווייטע הלכה איז אויך א דין אין תשובה. מ׳גייט נישט צוריק, אזוי ווי מ׳טוט תשובה און נאכדעם פארט מען ווייטער פון וואו מ׳האלט.

#### דין מצא ציבור שקראו חציה

שוין, זאגט ער ווייטער, **"מצא ציבור שקראו חציה"**.

**ר׳ יצחק:** א מענטש האט געטראפן א ציבור...

**ר׳ יואל אשר:** דאס איז אויך א דין אין למפרע.

**ר׳ יצחק:** ווייל סתם איינער וויל ליינען פארקערט, אקעי, פורים קען זיך אלעס מאכן, אבער נאכדעם, די אלע אופנים קענען זיך מאכן, דארף מען וויסן. אדער נאך א זאך:

**ר׳ יואל אשר:** א מענטש קומט אין בית המדרש, און דער עולם האלט אינמיטן, מ׳האט שוין געליינט האלב מגילה, און ער וויל דאך נישט ליינען אליין די גאנצע מגילה, ס׳איז אים שווער. טראכט ער אזוי, איך וועל מיטהאלטן מיט די ציבור, און נאכדעם וועל איך משלים זיין דעם חלק וואס איך האב פארפאסט. אבער עס ארבעט נישט אזוי. **"לא יאמר אקרא חצי האחרון עם הציבור, ואחזור ואקרא חצי ראשון"** - נאכדעם וועל איך ליינען די ערשטע האלב. דאס טויג נישט. פארוואס? ווייל דאס הייסט אויך קורא למפרע, ווייל ס׳איז טייטש ער גייט ליינען די צווייטע האלב פאר די ערשטע האלב. נאר וואס דען? ער זאל ליינען **"מתחילה ועד סוף על הסדר"**.

**ר׳ יצחק:** דאס הייסט, ער קען יעצט אנהייבן. ער דארף דאך נישט הנאה האבן פון די קריאה פון די ציבור. זאל ער יעצט אנהייבן שטילערהייט ליינען אליינס,

**ר׳ יואל אשר:** בעיסיקלי, רייט?

#### דין קרא ושהה

**"קרא ושהה מעט"**.

**ר׳ יצחק:** דאס איז אויב ער ליינט פארקערט, ער לייגט אריין פסוקים אין די מגילה אין די ראנג ארדער. אבער טאמער סתם **"קרא"**,

**ר׳ יואל אשר:** און ער האט געסטאפט אינמיטן און געמאכט הכנות צו גיין ווייטער,

**ר׳ יצחק:** **"וחזר וקרא"**. לויט וואס שטייט אז מען ליינט אינמיטן די סעודה, מאכט עס סענס,

**ר׳ יואל אשר:** ווייל ער האט געגעסן די פיש. יא. **"וחזר וקרא"**, און נאכדעם איז ער געגאנגען און געליינט ווייטער. עס גייט מיר נישט אן, די הפסקה שטערט נישט. **"אף על פי ששהה כדי לגמור את כולה"** - אפילו אויב די הפסקה האט געדויערט אזוי לאנג ווי לאנג ס׳דויערט צו ליינען די גאנצע מגילה, איז נישט קיין פראבלעם, ווייל **"הואיל וקרא על הסדר יצא"**. היות ער האט געליינט די מגילה על הסדר, ער האט אנגעהויבן פון אל"ף און געגאנגען ביז ת"ו, איז ער יוצא, און עס גייט מיר נישט אן,

**ר׳ יצחק:** די הפסקה שטערט נישט.

#### דיון: חילוק בין מגילה לקריאת שמע

זעט אויס אז דאס איז אזוי ווי א דין. וואס, דו קענסט מיינען אז אזוויי מ׳דארף ליינען למפרע, מוז מען אויך ליינען בזא"ז, ס׳זאל שטימען די סדר, אזוויי דו זאגסט די מעשה זאל שטימען? כ׳מיין אז א מענטש קען געדענקען. ער האט אנגעהויבן אינדערפרי און ער קען ענדיגן ביינאכט. אן ענליכע הלכה האבן מיר געלערנט ביי תקיעת שופר, אז מ׳קען בלאזן תשע תקיעות בתשע שעות ביום.

**ר׳ יואל אשר:** אבער מה שאין כן ביי קריאת שמע דאכט זיך מיר שטייט פארקערט, יא? אם שהה באמצע קריאת שמע כדי לגמור את כולה, פעלט די גאנצע שלמות פון קריאת שמע, און מ׳דארף יא איבערליינען. וואס איז די חילוק? אפשר ווייל קריאת שמע איז קורץ, און מה שאין כן מגילה איז...

**ר׳ יצחק:** אבער מ׳פארגעסט. אפשר די מער אינטערעסאנטע זאכן פארגעסט מען נישט.

**ר׳ יואל אשר:** ס׳קען זיין אז קריאת שמע איז אזוי ווי... ס׳איז דאך א בילד-אפ פון קבלת עול מלכות שמים, אהבת השם. ס׳דארף זיין אין איין מצב רוח אזוי ווי... איך ווייס נישט.

**ר׳ יצחק:** אקעי. איך דארף טראכטן וואס איז די חילוק. איך וועל עס זאגן תורות, יא. אויך, ל׳ אפרים שטייט אויך ביי קריאת שמע די זעלבע הלכה אז מ׳איז נישט יוצא. אבער דאס אז מ׳איז יא יוצא אפילו שהה כדי לגמור את כולה, דאס איז טאקע ביי קריאת שמע נישט אזוי די הלכה, אויב איך געדענק. טאקע אינטערעסאנט אויף וואס א חילוק. שוין, אויב איינער ווייסט, וועלן מיר עס אריינשרייבן און זאגן.

**ר׳ יואל אשר:** מ׳גייט אנהויבן צו רעדן מיט דער עולם.

**ר׳ יצחק:** נאך א הלכה?

#### הלכה ב: הקורא את המגילה על פה לא יצא

**ר׳ יואל אשר:** הקורא את המגילה על פה.

**ר׳ יצחק:** דאס איז ווייטער אנדערש ווי קריאת שמע למשל. קריאת שמע מעג מען ליינען בעל פה.

**ר׳ יואל אשר:** הקורא את המגילה על פה. אקעי, ס׳איז דאך זייער אנדערש. קריאת שמע דארף א איד קענען על פה. מגילה איז שווער. **הקורא את המגילה על פה**, איינער ליינט מגילה אויסוויינייג. **לא יצא ידי חובתו.** ס׳דארף זיין מתוך הכתב. יא, די גמרא זאגט אז ס׳שטייט "והימים האלה נזכרים". "נזכרים" מיינט אזוי ווי "כתוב זאת זכרון בספר", יא? ס׳שטייט די וואך אין פרשה? ניין,

**ר׳ יצחק:** ס׳שטייט אין פרשת שלח. די וואך שטייט ענליך, אבער יא.

**ר׳ יואל אשר:** "זכרון" מיינט אז ס׳שטייט שוין אראפגעשריבן, און דו דארפסט עס דערמאנען, אדער דו דארפסט עס דערמאנען. סאו אויב מ׳ליינט בעל פה לא יצא ידי חובתו. אונז האבן פריער געלערנט אז מ׳קען ליינען אין אנדערע שפראכן. אונז האבן נאך נישט געלערנט. יעצט לערנט מען.

**ר׳ יצחק:** דער רמב"ם לייגט עס אריין אין דעם. פארוואס? ווייל דו זאלסט זען אז ווען מ׳לייגט פון אן אנדערע... מ׳לייגט ליינען מיט א כתב. סאו זאלסטו נישט מיינען אז ממילא קען מען ליינען אין לשון הקודש? זאגן די טעם.

**ר׳ יואל אשר:** אין טרענסלעישאן אויפ׳ן פלאץ. ניין, דאס קען מען נישט.

**ר׳ יצחק:** פון דעם מיין איך קאנעקט זיך עס. זאגט דער רמב"ם.

**ר' יואל אשר:** אונז האבן געלערנט אויך ביי תפלה און ביי נאך הלכות אז ס'איז דא אזא זאך ווי זאגן אין אן אנדערע שפראך, ווי לאנג מ'האלט זיך צו די תוכן הדברים פון די תורה. יא, ס'איז דא אין די משנה אין סוטה, יא, ס'איז דא

## מגילה בלשון הקודש, יוונית, ותרגום – דיני כוונה וכתיבה

### הלכה ב (המשך) – לועז ששמע מגילה בלשון הקודש

**ר' יואל אשר:** סאו בעצם אין מגילה קען מען אויך ליינען אין אנדערע שפראכן. שטייט דאך אזוי, אסתר האט עס ארומגעשיקט בכל מדינות המלך, מדינה ומדינה ככתבה ועם ועם כלשונו. דאס שטייט ביי די אגרות פון אחשורוש. אקעי.

עניוועיס, **הלועז ששמע את המגילה הכתובה בלשון הקודש ובכתב הקודש.** אה, ס'טייטשט אזוי, איינער וואס קען נישט קיין לשון קודש, ער קען נאר ענגליש. און ער האט געהערט און געליינט די מגילה בלשון הקודש ובכתב הקודש.

**ר' יצחק:** סאו ער פארשטייט נישט וואס ער זעט.

**ר' יואל אשר:** און ער פארשטייט נישט וואס ער הערט. ער קען נישט ליינען מסתמא.

**ר' יצחק:** ער האט געהערט.

**ר' יואל אשר:** ער הערט "ויהי בימי אחשורוש".

**ר' יצחק:** ער ווייסט נישט וואס מיינט "ויהי", וואס מיינט "בימי", אפשר ווייסט ער וואס מיינט אחשורוש. סאו וואס שטייט דא די ווארט "כתב הקודש"?

**ר' יואל אשר:** וואס מיינט עס?

**ר' יצחק:** וואס איז קריב? ווייל ער מיינט לאפוקי שפעטער. ליין די גאנצע הלכות. אקעי.

**ר' יואל אשר:** **אף על פי שאינו יודע מה הן אומרין**, ער ווייסט דאך נישט וואס מ'רעדט, ווייל ער פארשטייט נאר זיין שפראך, **יצא ידי חובתו**, ווייל ער האט געהערט לשון קודש. יא.

### דיסקוסיע: מחלוקת רמב"ם ורש"י – וואס מיינט "אינו יודע מה הן אומרין"

**ר' יצחק:** ער האט געהערט וואס ס'שטייט אריגינעל. ס'איז א שאלה פארוואס די גמרא זאגט, ווייל אונז ווייסן אויך נישט אלעס וואס אונז ליינען.

**ר' יואל אשר:** זעט מען אז מ'איז יוצא אן פארשטיין. לויט די רמב"ן איז ווייל אין לשון הקודש איז עס עכט געזאגט, מ'דארף עס נישט פארשטיין. כשם הארץ. אקעי. אזוי איז דא דא אויך.

**ר' יצחק:** רש"י איז מסביר אז ער ברענגט אז ס'איז דא א מחלוקת רמב"ם און רש"י. דער רמב"ם זאגט, ווייל מ'וועט דאך פארשטיין, ער פארשטייט דאך אז ס'איז געווען א מעשה, יעדער איד ווייסט, אפילו ער הערט נישט קיין לשון הקודש, ער פארשטייט אז ס'איז געווען א מעשה פורים, מ'האט געוואלט הרג'ענען די אידן, ווי אזוי זאגט מען, אין שווערע קולות, און ממילא מאכן א סעודה. דאס פארשטייט ער. פונקטליך די פרטים, זאגט די גמרא, אונז פארשטייען דאך אויך נישט וואס מיינט החשתרנים ובני הרמכים, מ'דארף נישט וויסן יעדע פרט. די מיין איז יוצא, מ'האט געהערט די מגילה.

**ר' יואל אשר:** נעמט עס די גמרא ווייטער און זאגט אז אפילו מ'פארשטייט גארנישט.

**ר' יצחק:** אבער ער פארשטייט יא, ער ווייסט אז ס'איז פורים, ער ווייסט אז מ'ליינט די מגילה, ס'איז פרסומי ניסא. רש"י זאגט אנדערש, און רש"י זאגט אז ער פארשטייט נישט, וועט ער פרעגן פאר דעם עולם, הלא, וואס זאגט מען דא? ער וועט אים זאגן די מעשה. עפעס איז אנדערש.

**ר' יואל אשר:** אבער ווען ס'שטייט **אף על פי שאינו יודע מה הן אומרין** מיינט נישט לויט רש"י...

**ר' יצחק:** לויט דער רמב"ם. ער ווייסט אז ס'איז פורים.

**ר' יואל אשר:** ער ווייסט בערך פון וואס מ'רעדט. **אינו יודע מה הן אומרין** מיינט ער ווייסט נישט וועלכע פסוק מיינט וואס, אבער ער ווייסט בערך די מעשה.

### הלכה ב (המשך) – מגילה בלשון יוונית

**ר' יואל אשר:** **וכן, אם היתה כתובה יוונית.** אויב די מגילה איז געשטאנען בלשון יוונות, **ושמעה** האט עס געהערט, **יצא. אף על פי שאינו מכיר.** אפילו אויב ער קען נישט קיין יווניש, **ואפילו היה השומע עברי**, אפילו דער וואס הערט עס קען נאר לשון הקודש, לשון עברי, איז ער יוצא, ווייל יוונות האט אויך די מעלה אז יווני איז א חשוב'ע לשון. און וואס רבי האט געזאגט ביי די לשון יווני הייסט עס שטארק.

**ר' יצחק:** הייסט עס חשוב. ס'איז משמע, ס'שטייט נישט דא קלאר, ס'איז משמע אז ס'מיינט אז ס'דארף זיין א כשר'ע מגילה, ס'דארף זיין געשריבן אזוי ווי זיי גייען לערנען סוף על השורות. בדיו, אויך אויף יוונות, וואס איז אביסל מאדנע, קיינער ווייסט נישט די הלכה. איך האב שוין לאנג געטראכט צו מאכן א קריאת המגילה אויף יווניש, אבער וועגן דעם האב איך עס נישט געקומען.

**ר' יואל אשר:** ס'איז זייער שווער, ווייל די טרענסלעישאן וועט זיין זייער בדיוק.

### דיסקוסיע: תרגום השבעים און די יווניש מגילה

**ר' יצחק:** דא! יווניש מיינט דאך די תרגום יווניש וואס איז דא, תרגום השבעים. ס'איז דאך נישטא קיין אנדערע, אדער בפשיטות. אבער די פראבלעם איז אז לכאורה דארף עס זיין געשריבן ווי א מגילה. גיי טרעפן א מגילה אויף יווניש געשריבן מיט פארמענט און אלעס. די צווייטע פראבלעם איז אז אונז האבן תרגום יווניש.

**ר' יואל אשר:** ס'איז נישט קלאר. ניין.

**ר' יצחק:** ס'איז דא א גרעסערע פראבלעם, ווייל ס'איז דא תרגום השבעים וואס שטייט אין מסכת מגילה, וואס אויף אלע תורה, לכאורה רעדט די גמרא פון דאס וואס אונז האבן נאך. די אידן האבן עס נישט געהאט, אבער די נוצרים האבן עס אלעס משמר געווען. לכאורה איז די תורה, דו קענסט עס קויפן, איך האב דא אין די שעלף א בוק. די פראבלעם איז אז אין די גמרא שטייט נאר האט מען תרגם געווען די תורה. די רצון פון נביאים וכתובים איז לכאורה נישט געווען ביי די שבעה מזקנים, דו קענסט האבן שפעטער. די גמרא אין מגילה איז יא משמע אז מ'קען ליינען די מגילה אין יווניש, טאקע וועגן דעם, אזוי ווי רבי שמעון בן גמליאל האט געזאגט, משמעשה שהיה, קען זיין אז ס'איז יא עפעס קאנעקטעד, אבער לכאורה, מ'זעט אז ס'איז נישט די זעלבע טרענסלעישאן, ס'נוצט אנדערע ווערטער פאר זאכן.

**ר' יואל אשר:** און אזוי ווייטער. ס'איז אינטערעסאנט, ווייל אין הלכות תפילין זאגט דער רמב"ם אז מ'קען נישט היינט שרייבן אין יווניש, ווייל ס'איז לאו דוקא אז אונז זאלן די ריכטיגע יווניש געפילן.

**ר' יצחק:** דו זעסט ביי וועלכע תפילה פעלט יא אויס צו וויסן וואס מ'פעלט?

**ר' יואל אשר:** תפילין פעלט אויס צו זיין געשריבן בדיוק גמור.

**ר' יצחק:** ניין, ביי תפילה דארף מען וויסן וואס מ'זאגט. שטייט נישט. אה, אין תפילין, אה, אה. אז הלכות תפילין, אז וואס? אז מ'קען נישט שרייבן בלשון יווני היינט. יא.

**ר' יואל אשר:** כשכתב יווני נשתבש.

**ר' יצחק:** אבער ס'קען זיין אז דעמאלטס דארף עס זיין קלאר. לגבי מגילה שטייט דאך קלאר אפילו מ'פארשטייט נישט. אדער אנדערע זאגן אז איך א נמי, דאס איז נישט דארט. איך האב שוין געפרעגט דעמאלטס, איך ווייס נישט פארוואס דער רמב"ם מיינט אז ס'איז נשתבש. דער רמב"ם האט עס נישט געהאט, אונז האבן עס יא. אבער ס'איז דא נאך א שאלה וואס איך האב... אויב איינער ווייסט אויך די תירוץ דארטן, ס'איז מען זייער מאדנע.

### שאלה: די יווניש מגילה מיט הוספות

**ר' יצחק:** ס'איז דא די תרגום ביי מגילה אויף יוויש. די פראבלעם איז אז די תרגום האט אסאך א לענגערע מגילה ווי אונז, קודם כל. פארשידענע מדרשים כאילו אריינגעלייגט, בתוך כדי די תרגומים. ער פארציילט א מעשה פון א חלום וואס מרדכי האט געהאט, ווי די לשון הבריוון וואס המן האט געשריבן וכו', פארשידענע אריכות'ן וואס שטייט נישט. ס'איז א נארמאלע זאך. דער תרגום יונתן טוט אויך אז.

**ר' יואל אשר:** ער לייגט אמאל אריין זאכן, נישט אונקלוס, מ'וועט אנדערע טון אזוי.

**ר' יצחק:** ריין, אונקלוס איז זייער מידליג, זייער ווארט פאר ווארט. סאו לכאורה ווען די גמרא זאגט קורא ביוונות, מיינט עס אז מ'ליינט די יווונישע גרסא, סאו מ'ליינט אביסל אנדערע מעשיות, נישט אנדערש מיט הוספות בעקער.

**ר' יואל אשר:** א איד ליינט די מגילה און ער לייגט אריין, ער זאגט אריין א רש"י, ער זאגט אריין...

**ר' יצחק:** אריינזאגן מעג מען זיכער. מ'גייט אריין זאגן, כותפי דופש ונפי הפסק. ס'איז נאר א שאלה פון הפסק. אה.

**ר' יואל אשר:** ס'איז נאך א נאר ווי א הפסק, ס'איז נאר אזוי ווי ער לערנט פאר שניים מקרא ואחד תרגום.

**ר' יצחק:** וואטעווער. ס'איז נעמען ענק. אבער פאר דעם האב איך עס נאכנישט געטון.

**ר' יואל אשר:** דאס איז דאך געווען, אייביג קריאת התורה איז דאך געווען דער מתורגמן ממש דאס. דער מתורגמן האט דאך אויך געקענט זאגן זיינע תורות אריינזאגן.

**ר' יצחק:** ער האט נאך געטארט, אבער יא. איך הער. סאו עניוועיס, אפשר טאקע איינמאל וועט מען מאכן א מגילה אויף יווניש און עס ליינען.

**ר' יואל אשר:** אקעי, סאו דעמאלטס וועט די גאנצע עולם... ווען ר' יצחק וועט ליינען די מגילה אין יווניש, זאל די גאנצע עולם אריבערקומען.

**ר' יצחק:** ס'וועט זיין זייער אינטערעסאנט. יא. מ'דארף נאר קויפן א יווונישע מגילה. אויב איינער וויל ספאנסערן א מגילה אין יווניש, מ'וועט שרייבן אויף א סופר, ער וועט זיך לערנען אביסל די יווונישע אותיות. ס'קען נישט זיין צו שווער. יוונים האבן דאך געשריבן, וואס רעדסטו, מ'קען עס שרייבן. מ'וועט ליינען אויף יווניש, אפילו מ'פארשטייט נישט. אבער מ'וועט דאך פארשטיין בערך, ווייל מ'ווייסט דאך פון וואס ער רעדט, ער קען דאך די מקור, רייט? שוין.

**הלכה ג — מגילה בתרגום או בלשון אחרת**

**ר' יואל אשר:** חנוכה האט מער מיט יווניש, סאו איך הייב אן מיט צינדן א יווונישע מנורה. אקעי. **היתה כתובה תרגום**, אויב די מגילה איז געווען געשריבן נישט בלשון יווניש, נאר בתרגום. תרגום געוועגליך מיינט לשון ארמיש. תרגום טייטשט איבערזעצן, ס'האט נישט קיין שייכות מיט... יא.

**ר' יצחק:** אבער תרגום אין די גמרא.

**ר' יואל אשר:** לכאורה, רופט מען עס תרגום.

**ר' יצחק:** ווייל דאס איז די שפראך וואס מ'האט מתרגם געווען פאר די אידן, תרגום אונקלוס.

**ר' יואל אשר:** בכדי... **או בלשון אחרת מלשונות הגויים**, סיי אין וועלכע אנדערע שפראך, **לא יצא ידי חובתו בקריאתה, אלא המכיר אותה לשון בלבד.** לשון הקודש און יווניש האבן א ספעציעלע זאך, אז ס'איז א חשוב'ע שפראך, און עפעס אפילו מ'פארשטייט עס נישט.

**ר' יצחק:** ס'האט א קדושה, כאילו ס'האט א... וואס האב איך דיר געזאגט, ס'איז אן "authorized translation". די כתב איז שוין אפיציעל, ממילא אפילו דו פארשטייסט נישט, האסטו אפגעליינט וואס ס'שטייט. מה שאין כן אנדערע שפראכן איז נאר א דין תרגום. תרגום איז דאך די גאנצע פוינט אז דו פארשטייסט. אז דו פארשטייסט נישט, ביסטו נישט יוצא.

**דין כתובה בכתב עברי וקראה ארמית**

**ר' יואל אשר:** אבער, זאגט דער רמב"ם ווייטער, **והוא שתהיה כתובה בכתב אותה לשון.** ווען מ'מאכט א מגילה אין ארמיש אדער אין ענגליש, דארף עס זיין נישט געשריבן אין לשון קודש'דיגע אותיות מיט ענגלישע ווערטער, נאר ס'דארף זיין געשריבן בכתב אותה לשון. **אבל אם היתה כתובה בכתב עברי וקראה ארמית לארמי לא יצא.**

**ר' יצחק:** אה, אבער ווען ער זאגט "כתב עברי", מיינט ער נישט אז מ'שרייבט אויף...

**ר' יואל אשר:** אזוויוי דער רמב"ם פלעגט שרייבן אראביש מיט כתב עברי.

**ר' יצחק:** ער זאגט דאך נישט דאס. אבער ער זאגט "קראה עברי", אויף די לשון עברי אויכעט, "וקראה ארמית". סאו די מיטלסטע געפאל, וואס דו זאגסט אזוויוי דער רמב"ם פלעגט שרייבן, שטייט נישט דא קלאר. ס'איז זייער אינטערעסאנט.

**ר' יואל אשר:** ניין, כתובה בכתב עברי.

**ר' יצחק:** און וקראה ארמית.

**ר' יואל אשר:** ס'איז געשטאנען ארמישע ווערטער אין עברי'שע כתב. אה, ס'איז נישט אלף-בית.

**ר' יצחק:** אבער "קורא ארמית", דער רמב"ם זאגט, לאמיר קוקן וואס דער רמב"ם זאגט, ס'מאכט נישט קיין סענס.

**ר' יואל אשר: שנמצא זה קורא על פה.**

**ר' יצחק:** פארוואס איז דאס בעל פה? ער ליינט לשון הקודש און ער טייטשט איבער. אבער איניך הני מילי, ס'שטייט נישט אין דעם רמב"ם דער דין אויב ער שרייבט ארמיש אויף לשון הקודש'דיגע אותיות. ארמיש שרייבט מען גראדע אויף לשון הקודש אותיות, ס'איז נישט קיין גוטע ראיה.

**ר' יואל אשר:** אבער ענגליש. אדער אראביש, אזוי ווי דער רמב"ם האט געשריבן, אראביש מיט לשון הקודש'דיגע אותיות.

**ר' יצחק:** אזוי איז אידיש.

**ר' יואל אשר:** אידיש איז דייטש אויף לשון הקודש'דיגע אותיות.

**ר' יצחק:** מער וויניגער. יא? ס'שטייט נישט דא קלאר צי מ'איז יוצא. מ'דארף לערנען די גמרא. די גמרא רעדט "כאן בגופן שלנו, כאן בגופן שלהם". ס'איז נישט קלאר. אבער דער רמב"ם זאגט אז מ'איז נישט יוצא ווייל ס'איז "קורא על פה", ממילא איז נישט דער קורא יוצא און נישט דער שומע. ווייל הגם דער שומע איז אלעמאל בעל פה, אבער דער שומע דארף הערן פון איינער וואס ליינט מתוך הכתב.

**ר' יואל אשר:** סאו.

**ר' יצחק:** יא, מ'איז נישט יוצא געווען.

**ר' יואל אשר:** ווייל וויבאלד דער וואס האט עס געליינט האט עס געליינט בעל פה, און דער שומע קען נאר יוצא זיין ווען דער קורא האט געליינט כהלכתו, אבער **וכיון שלא יצא הקורא ידי חובה**, האט דאך דער שומע נישט געהערט.

**ר' יצחק:** ס'איז פשוט. ס'איז נאר ווייל מ'קען טראכטן אז יעדע מאל הערט מען דאך בעל פה. לגבי דער קורא פארשטיי איך אז ס'דארף זיין מתוך הכתב, אבער לגבי דער שומע, וואס איז א חילוק?

**ר' יואל אשר:** ער ליינט דאך קיינמאל נישט בכתב.

**ר' יצחק:** די זעלבע הלכה וואס מיר האבן געלערנט פריער, אז ס'דארף זיין א בר חיובא.

**ר' יואל אשר:** אז ס'דארף זיין א כשר'ע מגילה אפילו לגבי דער שומע.

**הלכה ד — הקורא את המגילה בלא כוונה**

**ר' יואל אשר:** ווייטער, **הקורא את המגילה בלא כוונה**, איינער וואס ליינט אן כוונה. אונז האבן שוין אפאר מאל גערעדט וועגן כוונה. אזוי האט ר' יצחק'ס שיטה, אז כוונה מיינט נישט הייליגע כוונות. כוונה מיינט אז ער

וויסט וואס ער טוט. אזוי ווי ווען איינער וואלט געפרעגט איינעם — מענטשן זארגן זיך וועגן דעם, ספעציעל מענטשן מיט OCD — אז איך האב מיך פאר'חלומ'ט אינמיטן מגילה ליינען. ס'איז זייער שווער מיט די היינטיגע מענטשן.

**מגילת אסתר: דיני קריאה, כתיבה און מנהגים**

**הלכה ב (המשך) — כותבה או דורשה או מגיהה**

**ר' יואל אשר:** אדער ווארעוועלע, ווי לאנג ס'דויערט א שעה, ווי לאנג דויערט מגילה ליינען? ביי מיר דויערט עס פינף און דרייסיג פערציג מינוט, לאמיר זאגן. אבער דאס מיינט נישט, אז ווען א מענטש פרעגט א מענטש, וואס טוסטו יעצט? איך הער מגילה ליינען.

**ר' יצחק:** איך בין חלום.

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רבי, איך בין מסביר. ער האט געמיינט ער טוט אינגאנצן עפעס אנדערש. או כותבה, ער שרייבט א מגילה. או דורשה, אדער ער ליינט די מגילה. אז ער לערנט עס, ער דרשנ'ט, ער לערנט עס. או מגיהה אדער מגיע, צו מאכן זיכער אז ס'איז גוט געשריבן. ווען איינער פרעגט אים, וואס טוסטו יעצט? ער ליינט נישט יעצט די מגילה. ער שרייבט אין די קריאת המגילה, ער שרייבט אדער ער לערנט, **איז אם כוון ליבו לצאת בקריאה זו, ער האט אינזין אז איינמאל איך בין מגיע וועל איך שוין אויך מקיים זיין מצוות קריאת המגילה. דעמאלטס איז ער יוצא.** מ'קען טון צוויי זאכן, ס'איז נישט קיין פראבלעם פון, איך ווייס, חבילות חבילות הדברים.

**ר' יצחק:** פארקערט, דאס אז כוון ליבו דעמאלטס איז יא יוצא, דאס איז ווי א קולא. הגם אז בעצם, וואס שרייבסטו יעצט א מגילה? אבער די רגע וואס דו לייגסט צו צו דעם א כונה, נישט נאר איך שרייב, נאר איך ליין אויכעט,

**ר' יואל אשר:** ביסטו יוצא. **ואם לא כוון ליבו**, אבער אויב האט ער נישט אינזין געהאט, הייסט עס ווי ער האט נאר מגיע געווען **לא יצא. קרא והוא מתנמנם.** ער ליינט די מגילה ווייל ער איז אזוי דרימלדיג, ער איז נישט פולי, ער פאר'חלומ'ט זיך, ער שלאפט טיף איין. **ולא נרדם בשינה**, ווייל ער איז נישט אריינגעפאלן אין א טיפן שלאף, **יצא.** וואס איז דא?

**דיסקוסיע: וואס איז מתנמנם?**

**ר' יצחק:** מסתמא דעם וואס מ'זאגט די גמרא מיינט נמתי לב כי תקרי לב ואנהי לא ידע לדי אתפאר. דאס הייסט אז מ'זאגט אים, נו, זאגט ער, יא, יא, נו, איך בין דא.

**ר' יואל אשר:** ער פרעגט, וואס האב איך דזשאסט געזאגט? ס'איז דארט א מינוט.

**ר' יצחק:** ניין,

**ר' יואל אשר:** אבער איך זאג אפילו דאס אסאך מאל. ער בעט נישט אטענשאן, אבער ער קען זיך נישט,

**ר' יצחק:** אפילו ער נאכווינט. ווייל איך זאג דאך אסאך מאל, ווייסטו, אן אלטער איד, ער זיצט מיט דיר און ער שלאפט זיך אזוי איין, און דו פרעגסט אים, ביסט דא? זאגט ער, יא, יא, אוודאי איך בין דא. דאס הייסט, די הכרה לב אני. אבער לא ידע על ידי רספרא. פרעגסטו אים פארקערט, פרעגסטו אים, נו, וואס האלטסטו? וואס מ'שמועסט? זאגט ער, וואס שמועסט מען טאקע? איך בין דא, יא? סאו, דאס הייסט מתנמנם, און דאס איז מען יוצא. ס'איז דא א גרויסע כוונה, ווייל די כוונה פון אויפשטיין פון בלאזן שופר איז די זעלבע כוונה פון מגילה. און דארף מען זיך אויפוועקן. אזוי ווי דער לולב שאקלט מען, און דער שופר בלאזט מען, און די מגילה ליינט מען. ממילא, אבער אפילו ביי די מגילה, אפילו מ'האלט ביי שלאפן, איז נאך אלץ דא דער אור פון די מגילה.

**ר' יואל אשר:** געוואלדיג. דאס שטייט ביי שופר... נו, רחמנא מתוקעי, ווייל ער איז אזוי דרימלדיג. פרעגסט אים, וואס זענען יעצט די כוונות? יעדער תרי האט א כוונה, אבער ער ווייסט אז ער טוט מצוה, מען טוט יעצט מצוות. שוין, במה דברים אמורים...

**ר' יצחק:** ביי דער שופר איז שווער אריינצושלאפן, ווייל ס'מאכט נויס, ס'איז נישט נוגע.

**ר' יואל אשר:** די גאנצע תכלית פון שופר איז אויפוועקן. אה, זייער גוט. זאגט ער, אויב איינער איז מתנמנים בשופר, אפשר האט ער נישט יוצא געווען, ווייל די גאנצע תכלית איז אירו ישנים שנתכם. ער האט נישט יוצא געווען די תכלית, די גאנצע תכלית. שוין, במה דברים אמורים...

**דיסקוסיע: ווען איז מען יוצא בכתיבתה?**

**ר' יצחק:** אז מ'דארף שרייבן שהמכוון ליבו בכתיבתה יצא.

**ר' יואל אשר:** אפילו אויב ער שרייבט די מגילה, אבער היות ער האט אינזין אז ער ליינט די ווערטער ווען ער שרייבט יצא,

**ר' יצחק:** איז יצא. ווען ער שרייבט האט ער דאך נישט קיין מגילה, ער האלט נעמען מיטן שרייבן די מגילה, מ'דארף ליינען מתוך הכתב. וויאזוי קען זיין אז כתב וכון לבו יצא האט דאך נישט קיין כתב? איז דא א תירוץ אויף דעם. ווען רעדט זיך דאס?

**ר' יואל אשר:** דאס שטייט אין די משנה, אז אויב האט ער יא געשריבן אינזין אז ער איז יצא, מוז ער זיך רעדן דוקא אין א געוויסע אופן. מ'רעדט,

**ר' יצחק:** שטייט אין די גמרא,

**ר' יואל אשר:** בשנתכוון לצאת בקריאה. ער שרייבט א מגלה. וויאזוי שרייבט ער א מגלה? ער האט איין פארטיגע מגלה, און פון דארטן שרייבט ער נאך אין די נייע מגלה וואס ער האלט יענץ אינמיטן שרייבן. סאו דאס וואס ער איז יוצא די קריאה איז אין די מגלה וואס איז שוין א גאנצע מגלה. ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך, ווייל מ'קען דאך ווען זאגן אזוי, ווען ער ענדיגט גייט ער שוין האבן די נייע מגלה וואס וועט אויך זיין א כשר'ע מגלה, אבער א גאנצע צייט ווען ער ליינט, ליינט ער נאך נישט פון א מגלה כשרה. קען נישט זאגן אזוי ווי באים כאחד אדער עפעס.

**ר' יצחק:** ניין.

**ר' יואל אשר:** **"אבל אם נתכוון לצאת בקריאת זו שכותב לא יצא, שאינו יוצא ידי חובתו"** — מ'איז נישט יוצא מגילה ליינען — **"אלא בקריאתה מספר שכולה כתובה בו בשעת קריאה".** מ'איז נאר יוצא ווען מ'ליינט פון א ספר וואס איז שוין אינגאנצן געשריבן.

**הלכה ב (המשך) — קריאה משובשת**

**ר' יואל אשר:** **"הקורא את המגילה וטעה בקריאתה, וקרא קריאה משובשת"** — ס'איז ארויסגעקומען א ראנג ווארט, אדער א ווארט איז נישט ארויסגעקומען גוט — **"יצא, לפי שאין מדקדקין בקריאתה".** מ'דארף נישט מדקדק זיין אין די וועג וויאזוי מ'ליינט. אלע וועגן איז גוט.

**ר' יצחק:** למשל, אין ירושלמי שטייט אז ס'איז געווען איינער האט געזאגט, אין די פסוק שטייט אמאל "היהודים" און אמאל "היהודיים". ס'שטייט צוויי יוד'ן, און די צווייטע יוד איז א חיריק.

**ר' יואל אשר:** ער האט געליינט דעם כתיב, ער האט געליינט דארטן ווי ס'איז א קרי וכתיב.

**ר' יצחק:** ס'איז דאך אמאל קרי וכתיב, ס'איז דאך אמאל וואס ס'שטייט צוויי אנדערע. בקיצור, יא, אבער ס'איז גערעכט אז ס'איז א קרי וכתיב. ער האט געליינט ראנג. זאגט די ירושלמי, ס'איז נישט קיין חילוק, ס'איז אלעס כשר.

**ר' יואל אשר:** גאליציאנער אידן האבן געהאט א קפידא צו ליינען קריאה משובשת.

**ר' יצחק:** דאס איז נישט ביי די מגילה, זיי זענען פורים א גאנץ יאר. ביי די מגילה איז "אין מדקדקין בקריאתה", ווייל יעדער איינער ווייסט, יהודים זענען יהודים, יהודיים, יהודים, ס'איז אלעס די זעלבע מענטשן. ס'איז דא אזעלכע פרומע וואס זיי האבן פאר סאם ריזען שטייען זיי מיט די מגילה און הערן אויס יעדע ווארט. איך פארשטיי נישט פארוואס, ס'שטייט דאך אז "אין מדקדקין בקריאתה". ס'איז ממש סתם.

**ר' יואל אשר:** אקעי, אמת. ממילא, איך וועל נאר זאגן,

**ר' יצחק:** ממילא ביי קריאת שמע שטייט "קרא ולא דקדק יצא", אבער לכתחילה זאל מען מדקדק זיין. אבער ביי מגילה איז בכלל נישטא קיין דין,

**ר' יואל אשר:** "אין מדקדקין". גוט. יא.

**הלכה ג — עומד או יושב; שנים קוראין**

**ר' יצחק:** וויאזוי דארף מען שטיין ווען מ'ליינט די מגילה?

**ר' יואל אשר:** אה, וויאזוי דארף מען ליינען, נישט וויאזוי דארף מען שטיין. וואסערע, וויאזוי דארף די גוף זיין? איז **"קראה"** — איז נישט קיין חילוק — **"עומד או יושב יצא". ואפילו בציבור.** געוועהנליך בציבור איז שיין צו שטיין. זאגט ער, **"אבל לא יקרא בציבור יושב לכתחילה מפני כבוד הציבור"**. ס'איז נישט שיין צו ליינען זיצנדיג לכתחילה בציבור, מפני כבוד הציבור. לאמיר זיך אויפשטעלן אלס כבוד הציבור. אבער יוצא געווען האט מען. ער האט נישט יוצא געווען די מצות כבוד הציבור,

**ר' יצחק:** ער האט יוצא געווען קריאת מגילה. אויב איז דא א גרויסער רבי, אן אלטער רבי, און ער וויל הערן זיין מגילה נאר זיצנדיג, איז דער ציבור מוחל דאך די כבוד הציבור. דאס מיינט צו זאגן, אויב ס'פעלט אויס. אבער לכתחילה, אז מ'קען,

**ר' יואל אשר:** שטייט מען. בציבור, ביחיד קען מען זיצן. **"קראוה שנים"**, צוויי מענטשן ליינען די מגילה, **"אפילו עשרה כאחד"**, אויף איינמאל. מ'זאגט נישט אויף דעם אז תרי קלי לא משתמעי, מ'קען נישט הערן. נאר מ'איז יא יוצא. **"יצאו הקוראים והשומעים מן הקוראים"**, די וואס הערן. ניין,

**ר' יצחק:** שומע מיינט נישט דוקא, ס'מיינט אפילו די קורא. אזוי ווי די שמעתא.

**ר' יואל אשר:** אבער מ'רעדט זיך מסתמא באופן ווען די שתי קולות שטערן נישט.

**דיסקוסיע: תרי קלי לא משתמעי**

**ר' יצחק:** וועגן די שומע מן הקורא. א זאך וואס די גאנצע תרי קולי לא משתמעי איז נאר ווען מ'האלט נישט ביים אויסהערן, האט מען א תירוץ. אבער ווען מ'האט ליב די זאך, און די מגילה האט יעדער איינער ליב אויסצוהערן, איז יא וידעת ושמעת, מ'לייגט צו קאפ הערט מען זייער גוט.

**ר' יואל אשר:** זייער גוט. וקורא אותה גדול... סאו א מינוט, ס'קומט אויס לויט דעם אז דאך ביי תפילה דארף מען נישט באמת איבערזאגן די שטיקלעך וואס דער עולם זאגט הויך. יא, די אלע זאכן זענען פרומעניש. ס'איז נאר א מנהג, ווייל בעצם איז מען יוצא פון יעדן איינעם'ס הערן.

**ר' יצחק:** אויב מ'ווארפט אין א מגילה, אויב איינער פון זיי,

**ר' יואל אשר:** חלק עולם ליינט דאך פון די מגילה, סאו הערסטו וואס דער עולם זאל זאגן. יא, אקעי, ס'איז א מנהג אזוי.

**הלכה ג (המשך) — גדול עם הקטון**

**ר' יואל אשר: וקורא אותה גדול עם הקטון ואפילו בציבור.**

**ר' יצחק:** ער זאגט, אפילו א קטן וואס גייט מיטליינען איז מען נישט יוצא פון אים,

**ר' יואל אשר:** אדער בשעת די תרן וועסטו ווערט א מענטש זיך זארגן אז ער הערט האלב וועגס ווען ער איז נישט בר חיובא. ס'איז ארבעטער, ווייל ער האט אויך געהערט פון דעם, ווייל ס'איז חביב, הערט ער אויך פון דעם גדול.

**ר' יצחק:** ס'זעט אויס אז דאס איז די געשמאק. ווען מ'גייט מיט מגילה אין שול, ביי די ערנסטע שולן, רופט מען ארויס, זאל זיין שטיל. ניין, מגילה איז געשמאק, דער עולם פארט מיט. ויהי, ווי מען אכטר דער עולם קען דאך די ניגון.

**ר' יואל אשר:** די אלע זאכן שטימט זייער גוט אונטער ר' יצחק'ס חידוש, אז די מגילה ליינען קומט צו זיין, אז אלע מצוות המגילה קומט ווי איין סעט. מ'מאכט א גרויסע משתה ושמחה וואס דויערט א גאנצן טאג, און אין די משתה ושמחה ליינט מען די מגילה. ממילא שטימט אז מ'איז מתנמנים, מ'דרימלט איין ווייל מ'איז אביסל געטרונקען, און ס'שטימט אז אלע מענטשן זאגן צוזאמען.

**ר' יצחק:** דאס איז אלעס נייעס, לשיטתי. אבער אפילו אין שול, די אנגעצויגענע מגילה,

**ר' יואל אשר:** מ'דארף נישט זיין אנגעצויגן. אויב דער רבינו, אז דאס איז א שמחת יום טוב צו זיין אנגעצויגן, גייען מיר אונז נישט חלילה אוועקגיין מיט א שמחת יום טוב.

**הלכה ג (המשך) — מגילה הכתובה בין הכתובים**

**ר' יואל אשר:** מ'זאגט דער רבינו ווייטער, **אין קוראין בציבור במגילה הכתובה בין הכתובים**. מ'ליינט נישט בציבור מיט א מגילה הכתובה בין הכתובים.

**ר' יצחק:** דאס הייסט,

**ר' יואל אשר:** איינער האט א גרויסע ספר כתיבה וואס איז דא אין חמש מגילות,

**ר' יצחק:** אזוי ווי אונזערע חמשים. אדער נישט נאך חמש מגילות, אפשר אויך א ספר יונה. ניין, נישט יונה. ער האט צוזאמענגעשטעלט אפאר דברי ימים מיט עזרא מיט מגילה. ווייסט, גייט דאך אויף א סדר.

**ר' יואל אשר:** זאל מען נישט ליינען פון דעם ברבים.

**ר' יצחק:** רייט. פארוואס?

**ר' יואל אשר:** פון קרא לא יצא.

**ר' יצחק:** ווייל ס'מוז זיין אן עקסטערע מגילה, מ'קען נישט, ס'איז נישט קיין וועג ס'זאל זיין א...

**ר' יואל אשר:** וואס איז די טעם הדבר?

**ר' יצחק:** ס'זאל זיין א ניכר. קוק וואס יא,

**ר' יואל אשר:** **"אלא אם כן היתה יתירה על שאר היריעות או חסירה"**, ווען ס'איז אן אנדערע סייז, מ'זעט אז דאס שטיקל איז דא עפעס א דיפערענשיעישאן, **"כדי שיהיה לה הכר"**, ס'זאל זיין קלאר. אפשר איז עפעס מורא אז א איד וועט ליינען דברי הימים אנשטאט מגילה? ניין,

**ר' יצחק:** ניין, ס'דארף זיין א קריאת המגלה. אויף דעם האבן מיר זיך געדינגען נעכטן צו מ'האט געדינגען מגילה דברי תורה. זעט מען קלאר, אויב מ'ליינט מגילה פון א תורה, איז מען נישט יוצא. ס'דארף זיין פון א מגילה. בדוחק האסטו געמאכט א מגילה, ס'איז צוזאמגעגנייט צוזאמען מיט נאך, אקעי, אבער ס'דארף זיין א מגילה, מיט נישט קיין לערנען, מיט נישט קיין שיעור, ער וועט אויך זיין גראבע טאנאך, און ער זאגט עפעס א שטיקל אסתר. ניין, ס'גייט נישט אזוי, ס'איז אן אסתר, אן עקסטערע זאך. **"אבל יחיד קורא בה"**.

**ר' יואל אשר:** דאס איז בציבור. יא, אבער א יחיד קען יא ליינען אין א מגילה וואס איז צוזאמגעבינדן מיט די אנדערע, **"ואפילו אינה חסירה ולא יתירה, ויוצא בה ידי חובתו"**. יא. ס'טייטשט דער בעל קורא אליין וועט אויך ביום רבים נישט יוצא זיין, נישט נאר דער ציבור וועט נישט יוצא זיין. אזוי זעט אויס, ווי ואם קרא לא יצא, ער האט נישט יוצא געווען.

**ר' יצחק:** ס'איז אן עושר פון פרסומי נסיון, אבער יחיד איז מען ווייניגער מקפיד אויף די פרסומי נסיון.

**הלכה ד — כתיבת המגילה**

**ר' יצחק:** יעצט, מ'דארף לערנען, וואלטן מ'האט געלערנט אז מ'דארף ליינען פון א כשר'ע מגילה. וויאזוי ווערט עס א כשר'ע מגילה?

**ר' יואל אשר:** זייער גוט. אביסל פון וויאזוי מ'שרייבט כתבי הקדש האבן מיר אונז געלערנט אין הלכות תפלין און ספר תורה. אבער דא גייען מיר זאגן, געוויסע זאכן איז גרינגער ביי א מגילה.

**ר' יצחק:** די חילוק, רייט, מ'גייט זאגן, זייער גוט, א מגילה. די מגילה האט נישט קיין דין אלע דאכטן פון א ספר תורה,

**ר' יואל אשר:** אבער א חלק הלכות האט עס.

**ר' יצחק:** און דאס לערנען אונז יעצט.

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, **"אין כותבין את המגילה אלא בדיו"**, נאר מיט...

**ר' יצחק:** אזוי שטייט שווארצע טינט.

**ר' יואל אשר:** **"על הגויל או על הקלף"**. אונז האבן געלערנט אז ווען מען שינט אראפ די אור פון א צבי, איז דא צוויי חלקים. איז דא דריי חלקים בעצם. מען גייט נאכן אינמיטן, מען קען מאכן די זייט פון די האר, די זייט פון די בשר,

**ר' יצחק:** אדערביידע צוזאמען.

**דיני כתיבת המגילה, עשרת בני המן, ופושטין כאיגרת**

**הלכה ט — המשך: חומרי כתיבה ועיבוד העור**

**ר' יצחק:** דער חילוק, רייט, מ'גייט זאגן אז א מגילה האט נישט קיין דין אלע דינים פון א ספר תורה, אבער א חלק הלכות האט עס, און דאס לערנען אונז יעצט.

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, **אין כותבין את המגילה אלא בדיו,**

**ר' יצחק:** נאר מיט שווארצע טינט,

**ר' יואל אשר: על הגויל או על הקלף.** אונז האבן געלערנט אז ווען מ'שינדט אראפ די אור פון א צבי, איז דא צוויי חלקים, איז דא דריי חלקים בעצם. מ'קען מאכן אינמיטן, מ'קען מאכן די זייט פון די האר, די זייט פון די באל.

**ר' יצחק:** אדער ביידע צוזאמען. נישט אינמיטן, אדער ביידע צוזאמען, א נקרא גויל, אדער נאר די outside נקרא קלף, אדער נאר די inside נקרא קלף.

**ר' יואל אשר:** קלף איז א לשון פון אפשיידן, יא? די קלף, די קליפה, די דרויסנדיגע. די אפגעשיידטע חלק פון די הויט, קען ביידע. אזוי ווי א תורה, אנדערש ווי תפילין וואס דארף זיין...

**ר' יצחק:** אנדערש ווי מזוזות וואס מ'שרייבט נאר אפילו אויף די חסדות. אויב איך געדענק אז תפילין איז אויך אזוי,

**ר' יואל אשר:** איך געדענק נישט. אקעי.

**ר' יצחק:** ס'שטייט אין הלכות ספר תורה.

**ר' יואל אשר:** כספר תורה. אה, זייער גוט.

**ר' יצחק:** רייט. להפיגה אזוי ווי א מזוזה, אדער תפילין. תפילין שטייט מען דוקא אויף קלף, נישט אויף גויל. די תורה קען מען אדער גויל, איז דאס די זעלבע דין פון...

**ר' יואל אשר:** איז לכתחילה דארף זיין די יוי. **ואם כתבה במי עפצא וקלקנתוס,** אז מ'נוצט אנדערע מיני צבע שחור וואס איז נישט די יוי, ס'איז נישט אזוי שטארק.

**ר' יצחק:** ס'האלט זיך נישט אזוי שטארק,

**ר' יואל אשר:** אבער ס'איז דאך אלעס... ווי לאנג מ'זעט עס איז... יא.

**ר' יצחק: כתבה בשאר מיני צבעונין** זאלן אנדערע קאלירס.

**ר' יואל אשר:** ער זאגט אז קאלקאנטאס איז בליי. שרייבט עס מיט א פענסיל? א פענסיל, יא. זאגט דער רמב"ם ווייטער, **כתבה בשאר מיני צבעונין** האבן עס געשריבן קאלירפול. ער מיינט ספורים גייט מען מאכן יעצט אזא קלאוני קאלירס. ער מיינט ספורים ווי לאנג ס'איז נישט שווארץ, איז **פסול. וצריכה שרטוט כתורה עצמה.** אונז האבן געלערנט אז ס'איז דא א דין סרטוד, אז מ'דארף אויסקראצן פארדעם און מאכן א ליין וואס אויף דעם זאל מען שרייבן. אויך די מגילה דארף האבן א סרטוד. זאגט דער רמב"ם, **ואין העור שלה צריך עיבוד לשמה.** מ'דארף נישט אויסארבעטן די קלף לשמה, אנדערש ווי ביי ספר תורה וואס דארף א עובד לשמה.

**הלכה י — פסולי כתיבה**

**ר' יצחק:** זאגט דער רמב"ם, וואס טוט זיך ווען די מגילה איז געשריבן נישט אויף כתב? **היתה כתובה על הנייר,** אויף פעיפער? **או על עור שאינו מעובד,** אויף אור וואס איז נישט אויסגעארבעט, **או שכתבה גוי או מין,** אדער די כותב איז נישט געווען א איד, א כשר'ע איד, א גוי, אדער א מין, איז **פסולה,** איז פסול.

ס'איז אינטערעסאנט, ביי מין האט דער רמב"ם געזאגט אין אנדערע פלעצער אז די פראבלעם איז ווייל דער וואס שרייבט עס ווייסט נישט אז דאס איז חשוב. ביי אים איז עס נאך א בוק. ס'איז געשטאנען אין הלכות ספר תורה דאכט זיך.

**הלכה יא — אותיות מטושטשות או מקורעות**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, **היו בה אותיות מטושטשות או מקורעות?** אויב אין די מגילה איז דא אותיות וואס זענען מטושטש, זיי זענען נישט קלאר, אדער צעריסן. איז אזוי, **אם רישומן ניכר,** אויב מ'זעט נאך, אויב מ'שטרענגט זיך אן, זעט מען אין די ווארט, ס'איז נאך אריינגעקריצט אין די ספר שטייטש. די טינט האט זיך אויסגעמעקט, אבער ס'איז אריינגעקריצט. **אפילו היו רובה,** אפילו אויב רוב מגילה זעט מען נאר די רישומן, די אותיות אליין זענען מטושטש, איז עס **כשרה. ואם אין רישומן ניכר,** אויב איז די רושם נישט ניכר, איז אזוי, **אם היה רובה שלם,** אויב רוב פון די ספר תורה איז גאנץ,

**ר' יצחק:** איז כשרה.

**ר' יואל אשר: ואם לאו,**

**ר' יצחק:** פסולה.

**חידוש: מתוך הכתב מיינט נישט יעדע ווארט**

קומט אויס אז מיר האבן געלערנט פריער אז מ'דארף ליינען מתוך הכתב, אבער ס'איז נישט ממש אז ס'דארף נאר זיין רוב כתוב.

**ר' יואל אשר:** אמאל האט געהאט געשריבן. אמאל איז די רישומן ניכר, פארוואס איז רוב שלם כשר? אויב קען מען נישט ליינען די אותיות?

**ר' יצחק:** זאגט דער הייליגער רמב"ם, פארדעם האב איך געמאכט די הקדמה פאר די נעקסטע שורה. אפילו אויב דער סופר האט אינגאנצן נישט געשריבן אפאר פסוקים, ווי דער בעל קורא געדענקט וואס דארף דא שטיין, ער ליינט עס על פה, יוצא. דאס וואס שטייט על פה לא יצא איז נאר אז ס'דארף זיין א גאנצע מגילה. וואס הייסט א גאנצע מגילה? רוב! רוב איז גענוג. אויב מ'ליינט אפאר פסוקים אויסעוויינג, איז נישט קיין פראבלעם, מ'זאל נישט ליינען יעדע סינגל ווארט אינעווייניג. אהא, אינטערעסאנט. שטייט בפירוש, טאקע וועגן דעם...

**ר' יואל אשר:** אקעי, א מגילה, זאגט דער רמב"ם ווייטער, נאך הלכות,

**קריטיק אויף די וואס זוכן פרומענישן**

**ר' יצחק:** המגילה צריכה תפירה. ס'איז דא אזעלכע פאני פרומע מענטשן וואס האבן זייער מורא ווען מ'ליינט עשרת בני המן, אז זיי ליינען ראנג ואת, און ס'דארף דאך זיין מתוך הכתב. אבער שטותים, מ'דארף נישט ליינען יעדע ווארט מתוך הכתב, שטייט אין מפורש ההלכה. ס'קען אפילו פעלן א גאנצע פסוק, און מ'איז עס משלים בעל פה.

סאו, דארף איך נאך א ריזן צו זאגן קעגן די מענטשן וואס זוכן אלעמאל פרומענישן, און אנשטאט פון זוכן צו זיין גוטע אידן, ליב האבן א צווייטער איד, זוכן זיי וועגן וויאזוי אפשר מ'איז נישט יוצא און דמיונות.

**ר' יואל אשר:** אקעי, בקיצור, ס'איז דא אידן וואס זענען ברוגז אויף זייערע פרומע נישטן.

**הלכה יב — תפירת המגילה**

**ר' יואל אשר: המגילה צריכה תפירה.** א מגילה דארף מען צוזאמנייען **עד שיהיו כל עורותיה מגילה אחת,** נישט אז מ'זאל האבן עקסטרע פעיפערס פון די מגילה, נאר ס'זאל זיין צוזאמגענייט. און די צוזאמנייען דארף מען טון

אויף א געוויסע אופן, **ואינה נתפרת אלא בגידין כספר תורה.** מ'קען נישט נוצן אנדערע שטריק,

**ר' יצחק:** נאר גידין פון א בעל חי.

**ר' יואל אשר: ואם תפרה שלא בגידין,** אויב מ'האט עס גענייט נישט מיט גידין, איז **פסולה.**

**דיסקוסיע: פארוואס פסול אן גידין?**

**ר' יצחק:** לכאורה ווייל ס'איז נישט שטארק, ס'וועט זיך צורייסן, מ'לייגט עפעס א פאדעם...

**ר' יואל אשר:** כ'ווייס נישט. אויב ס'איז פסולה, מוז זיין אז ס'איז מער ווי סתם א פראקטישע סיבה.

**ר' יצחק:** ניין, ניין, אלעס איז פראקטיש. ס'איז ווייל נישט בגידין ווערט שוואך.

**דער חילוק צווישן ספר תורה און מגילה בתפירה**

**ר' יואל אשר:** אקעי, זאגט דער רמב"ם ווייטער, **ואינו צריך לתפור את כל היריעה כספר.**

**ר' יצחק:** א ספר תורה דארף מען צוזאמנעמען די גאנצע זאך, דאס הייסט, ס'זאל זיין אינגאנצן איין לאנגע...

**ר' יואל אשר:** ס'מיינט לפי תופר. אבער א מגילה איז נאר די קפידא אז ס'זאל זיין קאנעקטעד, ממילא אפילו אויב ס'איז נאר קאנעקטעד שוואך, **אפילו תפר בגידין שלש תפירות בקצה היריעה ושלש באמצעה ושלש בקצה השנית, כשרה. מפני שנקראת איגרת.** ס'הייסט דאך אלץ ווי איין לאנגע בריוו.

**ר' יצחק:** ניין. אין די גמרא שטייט, ס'שטייט אין צד אחד שטייט אויף די מגילה אגרת, צד שני שטייט ספר. ספר מיינט אן ערנסטע ספר. פון דא נעמט מען אלע ערנסטע הלכות. און אגרת איז געווענליך א שוואכערע לעוועל. ס'איז א בריוו, מ'ליינט עס. איז מען אביסל אזוי ווי א ספר, מ'דארף טון די אלע זאכן, אבער נישט אזוי מקפיד זיין אזוי ווי א ספר,

**ר' יואל אשר:** ווייל ס'הייסט דאך אויך אגרת.

**הלכה יג — עשרת בני המן בנשימה אחת**

**ר' יצחק:** אה, איך האב באמת זייער שיין... וואו. זאגט דער רמב"ם,

**ר' יואל אשר:** קוק, **צריך הקורא לקראות עשרה בני המן,** און נאכדעם די ווארט עשרת נאכדעם, **בנשימה אחת, כדי להודיע לעם שכולם נתלו ונהרגו כאחד.** מ'האט זיי אלע געהרג'עט אויף איינמאל. און דאס איז געווען א חלק פון די גרויסע נס, אז די נס איז געקומען ווי א בום,

**ר' יצחק:** נישט סתם אין שטיקלעך.

**חידוש א: נשימה אחת מיינט נישט איינהאלטן דעם אטעם**

איך גיי דא זאגן צוויי וויכטיגע חידושים, איינס איז אלטע און איינס איז א נייע. קודם כל, אז מ'איז נישט צו מאכן, מיינט נישט אז מ'טאר נישט אטעמען. די בעלי קורא מיינען נעבעך אז מ'דארף שטיין און איינהאלטן די אטעם. קודם כל, ס'איז נישט אזוי פיל ווערטער, מ'קען עס גאנץ גרינג זאגן. נארמאל ווען דו רעדסט, רעדסטו בערך א מינוט, א האלבע מינוט צווישן יעדע אטעם. נאר אזוי ווי יעדע זאך, ווען מ'איז דוקא, ווערט מען פארלוירן. אקעי, דאס איז איין זאך.

צווייטנס, "בנשימה אחת", לפי דעתי, איך האב געברענגט ראיות, מיינט נישט אז מ'טאר נישט אטעמען. ס'מיינט אזוי: געווענליך א פסוק ליינט מען מיט צוויי נשימות אדער מיט דריי, ווייל ס'איז דאך דא טראפ. מ'זאגט דאך דא "רע רע רע", דאס הייסט צוויי נשימות. צו דו אטעמסט יא, צו דו אטעמסט נישט, איז נישט די נושא. מה שאין כן די עשרת בני המן מוז מען ליינען "וויזתא, וויזתא, וויזתא",

**ר' יואל אשר:** ווי איין לאנגע העמטשיך.

**ר' יצחק:** זיי האבן אלע געהייסן... דער לעצטער נאמען פון המן איז געווען וויזתא.

**ר' יואל אשר:** ס'איז נישט דא קיין אתנחתא'ס דא.

**ר' יצחק:** וויאזוי ווייסטו אז המן'ס לעצטע נאמען איז געווען וויזתא? ס'שטייט, אתנחתא וויזתא, ווייל פרמשתא הייסט אתנחתא וויזתא. יא, איז ס'איז יא דא, טעקניקלי אין די מגילה איז יא דא, אבער מ'ליינט עס נישט אזוי. ס'איז דא בעלי קורא וואס האבן מורא אז אויב זיי מאכן נשימה אחת, פארפאסט ער די טראפ. ממילא מוטשעט ער זיך, ער זאגט, "אה, איז פרמשתא..." ניין, נשימה אחת מיינט אז מ'זאל ליינען אן די טראפ,

**ר' יואל אשר:** מ'זאל איגנארירן די טראפ.

**ר' יצחק:** אזוי האלט איך, און אזוי איז דער מנהג ישראל, חוץ פון אפאר פרומע. איך וועל שוין ווייטער מיך קעגן די פרומע.

**חידוש ב: דער רמב"ם שרייבט דעם דין ביי כתיבה, נישט ביי קריאה**

דער צווייטער חידוש, לאמיר זאגן א זייער שיינע זאך וואס איך האב מחדש געווען היינט, און איך זע אז איך האב א ראיה פון דעם רמב"ם. איך האב גע'טענה'ט, דו זעסט דאך אז מ'שרייבט, די גמרא זאגט אז מ'שרייבט די עשרת בני המן אויף אזעלכע צוויי ראוז, ווייל זיי האבן אראפגעפאלן אזוי ווי איין טאוער, ס'האט זיך געהאקט אפ די גאנצע, רייט? אריח על גבי אריח.

פרעגט מען, פארוואס שרייבט מען עס אזוי? איך מיין אז מ'קען לערנען צוויי פשטים אזוי לומד'יש: אדער ס'איז א דין אין די כתיבה, אז א מגילה דארף זיין געשריבן אזוי ווי א שטיקל שירה, אדער ס'איז א סימן אז מ'זאל עס ליינען אזוי. למשל די שירה, שירת האזינו, איז געשריבן אזוי ווי מ'דארף עס ליינען. אמאל פלעגט מען עס ליינען מסתמא מיט עפעס א ניגון, ס'איז דאך א שירה.

**ר' יואל אשר:** ס'איז געגאנגען צוויי פארטס יעדע פסוק.

**ר' יצחק:** זע איך אז דער רמב"ם שרייבט בכלל נישט דא וויאזוי מ'דארף שרייבן די שירה, אבער די הלכה פון ליינען עשרת בני המן בנשימה אחת שרייבט ער ביי די הלכות כתיבה, נישט ביי די הלכות קריאה. איז א גרויסע ראיה לדברי אז דאס איז א נושא וואס די כתיבה, וואס מ'שרייבט עס אזוי ווי א שירה, איז געמאכט אז מ'זאל עס געבן א ליינען "ווע ווע ווע".

**ר' יואל אשר:** ס'איז אן ענין פון להודיע. איך האלט אויך אז ס'איז נישט אזוי וויכטיג.

**ר' יצחק:** דו ווייסט די חילוק פון פרמשתא מיט וויזתא? "וויזתא, וויזתא, וויזתא, פרמשתא, וויזתא", ס'איז אלעס די זעלבע מעשה.

**ר' יואל אשר:** אקעי, אבער דאס וואס דו זאגסט בנשימה אחת, מיין איך אז דו ביסט זייער גערעכט, אז ס'מיינט נישט אז מ'טאר נישט אטעמען. ווייל אויך ביי תקיעת שופר איז דא די סארט... ס'איז דא פלעצער וואו ס'שטייט מ'זאל טון מיט נשימה אחת, אבער ס'מיינט נישט מ'דארף זיך טשאוקן, ס'מיינט מ'זאל נישט מפסיק זיין. נשימה אחת איז א מין וועג פון אויסדריקן אז מ'זאל נישט...

**ר' יצחק:** אקעי, איז זייער גוט.

**הלכה יד — מנהג פושטין כאיגרת**

**ר' יצחק:** נאך א מנהג, אויך פון די כתיבה וואס גייט צוזאמען מיט די

**ר' יואל אשר:** דיספלעידזש און די פערפארמענס, זאגט דער רמב"ם,

**ר' יצחק:** ס'איז א מנהג,

**ר' יואל אשר: מנהג כל ישראל שהקורא את המגילה קורא** — ער ליינט עס ווייל ער **פושט,** ער שפרייט עס אויס **כאיגרת.** די זעלבע סיבה,

**ר' יצחק:** ווייל ס'שטייט אז אגרת איז נישט קיין ספר. אגרת איז נישט קיין צוזאמגעלייגטע זאך, ס'איז אפן, מ'ליינט די גאנצע זאך. ממילא טוט מען אזוי:

**ר' יואל אשר: וכשיגמור חוזר וכורכה כולה ומברך.** ס'איז א מנהג.

**ר' יצחק:** מ'מאכט די ברכה נאכ'ן צוזאמנעמען. איך ווייס נישט פארוואס.

**דיסקוסיע: צי דער דין איז נאר בציבור?**

**ר' יואל אשר:** דאס איז א דין נאר בציבור? ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך, ווייל מענטשן וואס ליינען אינדערהיים טוען עס נישט געווענליך. דאס איז א זאך וואס ביים בימה טוט מען אזוי. אבער קען זיין מ'דארף יא, ווייל ס'שטייט הקורא.

**ר' יצחק:** דאס שטייט אין משנה ברורה בשם דמרי"ל,

**ר' יואל אשר:** טאקע. דאס איז נאר בציבור.

**ר' יצחק:** דער רמב"ם שטייט נישט. אפשר זאל מען עס יא טון. אה. איך זע אז אין די רמב"ם שטייט נישט דער חילוק,

**ר' יואל אשר:** סאו מ'דארף עפעס יא אויפטון.

**ר' יצחק:** נו, נו פראבלעם. וואס קאסט עס אזוי שווער? ווענדט זיך ווי א גרויסע מגילה האט. אויב מ'האט א לענגערע מגילה, איז עס אביסל מער קאמפליצירט.

**ר' יואל אשר:** מ'מאכט עס אפאר לעיערס. מ'האט פריער געלערנט אז אגרות איז עקסטערע פעידזשעס,

**ר' יצחק:** און נישט קיין... אבער אגרות איז... ניין, מ'דארף עפענען די גאנצע זאך. איך ווייס נישט, אויף איינמאל.

**ר' יואל אשר:** ניין, געווענליך, אויב שרייבט מען א לאנגע אגרת, שרייבט מען דאך נישט פון אויבן אראפ, יא? ס'איז אן אנדערע סארט. אקעי.

**ר' יצחק:** קענסט שטעלן די גאנצע אויף איינמאל?

**ר' יואל אשר:** ווי לאנג? זייער א לאנגע טיש. שווער, דו דארפסט האבן זייער א לאנגע טיש. אקעי, לאמיר נישט מאכן יעצט די עקספערימענט.

**ר' יצחק:** ס'איז זייער א לאנגע טיש. איך האב א קליינע מגילה, ווייל אויב מ'האט א מגילה מיט צוויי און פערציג שורות אזוי ווי א תורה...

**הלכה טו — איסור הספד ותענית**

**ר' יואל אשר:** יעצט גייען מיר אונז לערנען וועגן די סעודה פון פורים.

**ר' יצחק:** משתה ושמחה. יא, משתה ושמחה, אפשר דארף מען שרייבן די סעודה.

**ר' יואל אשר:** ער זאגט שער מצות היום. ניין,

**ר' יצחק:** ס'איז אלעס אזעלכע שמחה.

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם אזוי: **שני הימים האלו שהן ארבעה עשר וחמישה עשר**, די עיירות און פורים דקראכים, ארבעה עשר וחמישה עשר, **איז אסורין בספד ותענית** וועם? **לכל אדם בכל מקום.** ס'טייטשט, די דרייצנטע טאג איז דא א תענית, אבער ווען מ'טאר נישט,

**הלכות מגילה ופורים — הלכה ג-ה: אנשי כפרים, מצות היום, ומעלת מגילת אסתר**

**הלכה ג (המשך) — אנשי כפרים שהקדימו וקראו**

**ר' יואל אשר:** אנשי כפרים שהקדימו וקראו בשני או בחמישי הסמוך לפורים, מותרין בספד ותענית ביום קריאתן, ואסורין בשני הימים האלו אף על

**ר' יצחק:** פי שאין קוראין בהם.

**ר' יואל אשר:** מצות יום ארבעה עשר לבני כפרים ועיירות

**ר' יצחק:** ויום חמישה עשר לבני כרכין,

**ר' יואל אשר:** להיות יום שמחה ומשתה ומשלוח מנות לריעים ומתנות לאביונים.

**ר' יצחק:** ומותר בעשיית מלאכה, ואף על פי כן אין ראוי לעשות בו מלאכה. אמרו חכמים

**ר' יואל אשר:** כל העושה מלאכה ביום פורים אינו רואה סימן ברכה. בני כפרים שקדמו וקראו בשני או בחמישי אם חילקו מעות לאביונים ביום קריאתן יצאו, אבל המשתה והשמחה אין עושין

**ר' יצחק:** אותה אלא בארבעה עשר ואם הקדימו לא יצאו. וסעודת פורים שעשייה בלילה לא יצא ידי חובתו. כיצד חובת סעודה זו? שיאכל בשר ויתקן סעודה נאה כפי אשר תמצא ידו, ושותה יין עד שישתכר ויירדם בשכרות. וכן חייב אדם לשלוח שתי מנות של בשר או שני מיני תבשיל או שני מיני אכלין לחבירו, שנאמר "ומשלוח מנות איש לרעהו", שתי מנות לאיש אחד, וכל המרבה לשלוח לריעים משובח. ואם אין לו מחליף עם חבירו, זה שולח לזה סעודתו וזה שולח לזה סעודתו, כדי לקיים "ומשלוח מנות". וחייב לחלק לעניים ביום הפורים, אין פחות משני עניים, נותן לכל אחד מתנה אחת או מעות או מיני תבשיל או מיני אכלין, שנאמר "ומתנות לאביונים", שתי מתנות לשני עניים. ואין מדקדקין במעות פורים, אלא כל הפושט ידו ליטול נותנין לו. ואין משנין מעות פורים לצדקה אחרת. מוטב לאדם להרבות במתנות אביונים מלהרבות בסעודתו ובשילוח לריעיו, שאין שם שמחה גדולה ומפוארה אלא לשמח לב עניים ויתומים ואלמנות וגרים, שהמשמח לב אמיללים האלו מידמה בשכינה, שנאמר "להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים". וכל ספרי הנביאים וכל הכתובין עתידין לבטל לימות המשיח חוץ ממגילת אסתר, הרי היא קיימת כחמישה חומשי תורה וכהלכות של תורה שבעל פה שאינן בטלין לעולם. ואף על פי שכל זכרון הצרות יבטל, שנאמר "כי נשכחו הצרות הראשונות וכו'", ימי הפורים לא יבטלו,

**ר' יואל אשר:** שנאמר "וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם". און ער מיינט צו זאגן עפעס אנדערש, ער מיינט אז די עיקר פון די משתה איז די טוב לב שבו.

**ר' יצחק:** ניין, זיי פריייליך.

**ר' יואל אשר:** צו דו עסט א בילקע, צו דו עסט א בעגל, אבער זיי פריייליך.

**ר' יצחק:** ניין, דאס מיינט ער נישט. ער מיינט מאך א סעודה, ס'קאסט נישט קיין געלט.

**פשט: אנשי כפרים — די חילוק צווישן קריאה און שמחה**

**ר' יואל אשר:** שוין, אנשי כפרים, וואס טוט זיך אזוי? אונז האבן געלערנט וועגן די אנשי כפרים. מענטשן פון די כפרים זענען מקדים פריער, וקראו בשני או בחמישי הסמוך לפורים. איז וואס איז מיט זיי? די טאג וואס מ'ליינט, ס'איז טאקע דא א מצות קריאת המגילה, אבער יענע טאג ווערט נישט קיין פורים. איז מותרין בספד ותענית ביום קריאתן.

**ר' יצחק:** ווארוי? ס'איז דאך תענית אסתר,

**ר' יואל אשר:** איינער פון יענע טעג. ואסורין בשני הימים האלו, אף על פי שאין קוראין בהם.

**ר' יצחק:** זייער גוט. די פארטי דארפן זיי אלע מאכן מיט אלע אידן. דאס הייסט, די מגילה האט מען זיי גע'פטר'ט, האט מען זיי געזאגט,

**ר' יואל אשר:** אקעי.

**ר' יצחק:** די שמחה איז די שמחה. יעצט, וואס נאך דארף מען טון? ס'קוקט וואס דער רמב"ם זאגט.

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, מצות יום ארבעה עשר לבני כפרים ועיירות. וועך? ויום חמישה עשר לבני כרכין.

**ר' יצחק:** דער רמב"ם זאגט נישט די מצוה, מ'דארף האבן די זעלבע שמחה, די י"ד פאר העירות און די ט"ו פאר די בני כרכין.

**ר' יואל אשר:** וואס דארף מען טון? להיות יום שמחה ומשתה? שוין, די לשון הפסוק איז שמחה ומשתה. דער רמב"ם זאגט שמחה ומשתה.

**ר' יצחק:** אבער דער רמב"ם זאגט אז ס'דארף זיין א יום שמחה ומשתה, נישט אז מ'זאל מאכן עפעס א סעודה נאכמיטאג. די גאנצע טאג דארף זיין א יום שמחה ומשתה.

**ר' יואל אשר:** אקעי, ומשלוח מנות לריעים,

**ר' יצחק:** ומשלוח מנות נישט לריעים ומתנות לאביונים. ס'איז בערך די לשון הפסוק, כביכול טוישט עס אביסל.

**ר' יואל אשר:** אבער וואס האט מען נישט גע'אסר'ט אזוי ווי אנדערע ימים טובים? ומותר בעשיית מלאכה. זאגט דער רמב"ם, אפילו ס'איז מותר מעיקר הדין, ואף על כן אין ראוי לעשות בו מלאכה. אמרו חכמים כל העושה מלאכה ביום פורים,

**ר' יצחק:** אינו רואה סימן ברכה.

**ר' יואל אשר:** נאכדעם איז געשטאנען אז תשעה באב און חול המועד איז אפאמאל געשטאנען אז ס'זאל נישט ברענגען קיין ברכה. ארבעטן אין טעג ווען מ'דארף נישט, דער חיבור ארבעטן ברענגט נישט די פרנסה וואס מ'דארף.

**בני כפרים — מתנות לאביונים vs. משתה ושמחה**

**ר' יואל אשר:** ווייטער, בני כפרים שקדמו וקראו בשני או בחמישי,

**ר' יצחק:** אונז האבן מיר פריער געלערנט אז הספד ותענית זענען זיי נישט אסור.

**ר' יואל אשר:** אבער אם חילקו מעות לאביונים

**ר' יצחק:** ביום קריאתן יצאו. דאס הייסט, געלט ארבעט אלעמאל.

**ר' יואל אשר:** יא, ווייל די גמרא זאגט אז די עניים קוקן ארויס, ווען זיי זעען אז מ'ליינט די מגילה, דעמאלטס קומען זיי און ברענגען זייערע שאלות'לעך פון צדקה. אבל המשתה והשמחה אין עושין אותה אלא בארבעה עשר, ואם הקדימו לא יצאו. משתה ושמחה טוט מען דוקא בארבעה עשר.

**דיסקוסיע: איז קריאת המגילה א חלק פון משתה ושמחה?**

**ר' יואל אשר:** דאס איז אביסל אנדערש ווי דיין וואס דו זאגסט אייביג אז די קריאת המגילה איז א חלק פון די משתה ושמחה. דא זעט מען אביסל אנדערש. ווייל דא זעט מען אז ס'איז צוויי אנדערע טעג.

**ר' יצחק:** איך האב יא א ראיה יעצט, וואס מ'האט געזען נעכטן פון די מאירי, אז פארוואס טאקע בזמן הגלות מאכט מען נישט די מגילה במקדימים, מ'מאכט נישט די בני כפרים, ווייל אונז ווילן זיך נישט אויפרייסן פאר די גוים זאלן זען אז מ'זאל מאכן פינף טעג יום טוב. זעט מען יא פון די מאירי אז ס'איז יא א שמחה. ס'איז נישט די שמחה! ער מיינט צו זאגן מ'דארף... ניין, ער מיינט נישט אז מ'מאכט נישט קיין שמחה. זעטס דאך אז מ'מאכט! אבער לא יצאו, מ'דארף אויך מאכן מיט אלע אידן א פארטי. דו האסט שוין געמאכט נעכטן א פארטי, ווייל מ'געליינט אין מגילה. וויאזוי קען זיין ישראל קראו את המגילה ולא עשו לחיים? ס'קען נישט זיין אזא זאך, העלאו? מ'געליינט אין מגילה מיט די ארבעטס קליידער און אהיימגעאנגען, ס'קען נישט זיין, מ'האט געמאכט א לחיים. נאר וואס? מיינט דער רבי, ס'איז שוין יוצא געוועןן? ניין, ס'איז שוין יוצא געווען,

**ר' יואל אשר:** ס'איז מאכן נאך א לחיים.

**ר' יצחק:** מ'איז שוין שמחה, מ'איז קיינמאל נישט יוצא געווען, מ'דארף אייביג מאכן נאך א לחיים. אקעי, וויל איך טון.

**הלכה ד — סעודת פורים**

**סעודת פורים בלילה**

**ר' יואל אשר:** שוין, וסעודת פורים שעשייה בלילה, סעודת פורים וואס מ'האט געמאכט ביינאכט, לא יצא ידי חובתו, די עיקר סעודה דארף זיין.

**ר' יצחק:** סעודה ביינאכט. אבער מ'איז נישט יוצא, מ'דארף נאך מאכן ביינאכט אויכעט.

**ר' יואל אשר:** דער רמב"ם האט נישט געזאגט אז מ'דארף מאכן ביינאכט.

**ר' יצחק:** איך זאג וואס ס'שטייט, איך לערן דאך טייטש.

**ר' יואל אשר:** ער זאגט יא, אונז האבן נישט געהאט גארנישט וועגן ביינאכט.

**ר' יצחק:** איך מיין די מגילה.

**ר' יואל אשר:** א מגילה איז חסד ביידע טעג.

**ר' יצחק:** אפשר ישראל קראו את המגילה ולא אמרו לחיים, אזוי שטייט אין די גמרא, אפשר ישראל קראו את הפסח ולא עלו בלי הלל, יא? ס'איז דא אזא סברא פשוטא, ס'מוז דאך זיין. אלא מאי, מ'איז נישט יוצא, מ'דארף אויך מאכן א סעודה בייטאג.

**כיצד חובת סעודה זו — בשר, יין, שכרות**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, וויאזוי טוט מען די סעודה? כיצד חובת סעודה זו? זאגט דער רמב"ם, שיאכל בשר. ויתקן סעודה נאה כפי אשר תמצא ידו. טייטש, נישט נאר די בשר, נאר ס'זאלן זיין נאך זאכן, זיי זאלן זיין אויך קרעפלעך מיט אים.

**ר' יצחק:** טייטש,

**ר' יואל אשר:** לויט ושותה יין, און ער זאל טרינקען וויין עד שישתכר, ויירדם בשכרות, ביז ער זאל... עס מיינט ער זאל טרינקען אסאך, נישט גענוג ער זאל בלייבן נעכטער, ער זאל ווערן ממש שיכור.

**ר' יצחק:** ער ווערט אזוי שיכור אז ער שלאפט אהין.

**ר' יואל אשר:** וואס איז די תכלית? וואלט מען מתנמנם ליצא. דער רמב"ם מיינט דא די גמרא פון עד דלא ידע,

**ר' יצחק:** אזוי האט די גמרא איז א מליצה, אזוי האט די גמרא איז א מליצה, נישט די נושא פון אומן מרחא. ס'איז א שיינע וועג, ער מיינט צו זאגן אז ער זאל גוט שיכור ווערן.

**ר' יואל אשר:** טויטשט אזוי, געוועגליך א מענטש, אפילו ער איז שיכור, אבער ער האט נאך פרעשור אז ער וויל נישט צופיל טרינקען, דא זאל עס טרינקען אן קיין פרעשור, אן קיין פחד.

**משלוח מנות — שתי מנות לאיש אחד**

**ר' יואל אשר:** וכן חייב אדם לשלוח שתי מנות של בשר או שני מיני תבשיל או שני מיני אכלין לחבירו.

**ר' יצחק:** דאס איז אויך א פארט פון חובת סעודה זו. ווייל די סעודה עסט מען נישט אליין, נאר מען שיקט פאר אנדערע אויכעט.

**ר' יואל אשר:** משתף בשמחה, ס'איז א סעט. וכן חייב אדם לשלוח שתי מנות. אה, מ'דארף שיקן צוויי מנות. אה, אוקעי. אז די סעודה איז נישט אליין, נאר אזוי ווי יעדער יום טוב בעצם. יעדער יום טוב שיקט מען, ברענגט מען געסט צו זיך. דו שיקסטו וויין יעדער יום טוב. ניין, ניין,

**ר' יצחק:** יעדער יום טוב שיקט מען שלח מנות. ס'שטייט בפירוש אין די משנה אין ביצה, משלחין מנות.

**ר' יואל אשר:** אויף ראש השנה שטייט עס אין פסוק,

**ר' יצחק:** און אין די משנה אין ביצה שטייט עס אויף יעדער יום טוב. ווען א מענטש מאכט א גרויסע סעודה, ווייסטו וואס האט געמאכט אמאל א... היינט איז וויניגער נאר, אבער א פארט פון די וועג איז... מען שיקט אהיים, יא, ביי די פארצייטישע חתנות געבט מען אהיים צו נעמען אביסל...

**ר' יואל אשר:** אדער ברענגט מען געסט, איז מען יוצא מיט דעם.

**דיסקוסיע: וואס איז א "מנה"? — חומרא חדשה**

**ר' יצחק:** שולחו מנות פאר דעם מענטש וואס קומט. יענער דארף נישט קומען, ער קען עסן ביי זיך אין דר'היים, אדער שיקסטו אים. א מנה מיינט א פארציע פלייש. אלעמאל א פארציע פלייש. דער רמב"ם זאגט "של בשר". או שני מיני תבשיל, או שני מיני אכלין. בדיעבד איז מען יוצא מיט אנדערע זאכן. אבער חומרא חדשה, זעסטו, איך מאך יא חומרות. ס'איז דא א גרויסע חומרא. דער רמב"ם זאגט "מנה" אלעמאל. וועך ס'ליינט אין תנ"ך, "מנות" מיינט אלעמאל פלייש. "וישלח מנות" — מ'האט געלערנט די הפטורה פון ראש השנה. "וישלח אלקנה לחנה אשתו ולכל בניה ובנותיה מנות". "מנה" מיינט... אדער "למשה היה למנה" שטייט אין די תורה ביי די קרבנות. "מנה" איז די טייטש א שטיקל פלייש. "משלחין" — שטייט אויך א משנה אין ביצה אז מ'מאכט גורלות, "משלחין חלשים על המנות". אז מ'געדענקט אז מ'האט געלערנט נאך שבת, צו מ'מעג מאכן א גורל יום טוב, צו ווער זאל

באקומען וועלכע איז די בעסערע שטיקל. בקיצור, "מנה" איז טייטש א שטיקל פלייש.

**ר' יואל אשר:** א "מנה" מיינט א פארשן. מ'נוצט עס אסאך מאל אויף פלייש, ווייל פלייש איז א דבר חשוב.

**ר' יצחק:** ניין, ווייל פלייש צעטיילט מען. מ'שעכט א בהמה, צעטיילט מען. דו באקומסט די זרוע לחיים וקיבה, געבט מען פאר די כהן די שענסטע פארציע. און מ'זעט ביי שמואל, ער האט אוועקגעלייגט א מנה פאר שאול. דאס איז טייטש א מנה.

**ר' יואל אשר:** פלייש בכלל איז געווען א זאך וואס מ'האט געדארפט עסן מיט א גרויסע ציבור, ווייל ס'ווערט קאליע. א קוגל מאכט מען א קליינע קוגל, מ'שניידט איין פאטעטא, אבער פלייש האסטו נישט די ברירה. פלייש האט מען אייביג געגעסן בציבור.

**ר' יצחק:** סאו איך זאג אז מעיקר הדין, א נייע חומרא, מ'דארף שיקן משלוח מנות א פארציע פלייש פון די פלייש וואס מען שעכט פורים.

**ר' יואל אשר:** און לפי זה פון די שיטה זאגט גלייך דער רמב"ם, "או שני מיני תבשיל".

**ר' יצחק:** ניין, "או" מיינט בדיעבד.

**ר' יואל אשר:** ער זאגט נישט בדיעבד. "שנאמר ומשלוח מנות איש לרעהו". ניין, ס'איז נישט קיין פוינט, ווייל יעדער איינער האט באקומען צענדליגער שטיקלעך פלייש.

**ר' יצחק:** ניין, יעדער איינער. צוויי. "לחבירו". יא. ס'שטייט "לחבירו", פאר איינער.

**ר' יואל אשר:** אבער אויב ס'וואוינט א שטעטל פון דרייסיג מענטשן, האט יעדער איינער באקומען מערערע שטיקלעך פלייש.

**ר' יצחק:** דאס וואס מ'שיקט פאר יעדן משלוח מנות איז שטותים. מ'דארף שיקן פאר איינעם. חבר מיט צוויי מנות. דאס איז די הלכה. צוויי מנות. וואס שטייט? "שתי מנות לאיש אחד".

#### וכל המרבה לשלוח לריעים משובח

**ר' יצחק:** און "וכל המרבה", זאגט דער רמב"ם,

**ר' יואל אשר:** "וכל המרבה לשלוח לריעים משובח". האב איך געזאגט אז איינמאל ס'איז דא די "וכל המרבה", איז שוין דא א סיבה נישט צו שיקן בשר.

**ר' יצחק:** פאר די צווייטע, פאר די פיפטע, זאלסטו שיקן א שטיקל פאטעטא. איך רעד פאר מיך, אקעי? פאר די עכטע חברים, שיקן א שטיקל פלייש.

**ר' יואל אשר:** שוין. ממילא, מיר קענען שיקן עניטינג. אויך די זעלעכץ לאפן. "וכל המרבה לשלוח לריעים משובח". איינער וואס שיקט צו מערערע חברים איז משובח. ער איז א מענטש וואס מערערע חברים האבן אים ליב, ער איז אן אדם משובח.

**ר' יצחק:** משובח מיינט אז ס'איז א גוטע זאך. ממילא,

**ר' יואל אשר:** משובח זאגט מען אייביג אויף הוספות, אויף "כל המרבה לספר ביציאת מצרים", איז נאך בעסער ווי די...

**ר' יצחק:** ס'מיינט צו זאגן אז ס'איז נישט מחויב.

#### ואם אין לו — מחליף עם חבירו

**ר' יואל אשר:** אבער ס'איז גוט. גייט מען לפנים משורת הדין. "ואם אין לו" — אויב א מענטש האט נעבעך נישט קיין עקסטרע סעודה, האט נישט מער וואס צו שיקן — "מחליף עם חבירו, זה שולח לזה סעודתו וזה שולח לזה סעודתו". כדי לקיים ומשלוח מנות, מחליפין סעודותיהם. אבער ס'איז זיכער,

**ר' יצחק:** דאס שטייט שוין יא אין די פוסקים, דאס וואס מענטשן שיקן קענדיס מיט נאש איז זייער א שוואכע משלוח מנות. משלוח מנות איז א שטיקל סעודה, עטליסט עפעס א זאך וואס מ'קען עסן ביים סעודה. אדער מענטשן וואס שיקן א חלה...

**ר' יואל אשר:** דאס זאגסטו, פרעגן דיינע קינדערלעך באלד, און זיי זאלן זיך זייער פרייען אז איך וועל נאך דא אפאר מענטשן וואס שיקן אביסל נאש.

#### מתנות לאביונים

**ר' יואל אשר:** דאס איז דער רמב"ם ווייטער: "וחייב לחלק לעניים..."

## הלכות מגילה וחנוכה — פרק ב (המשך)

### הלכה ט"ז (המשך) — משלוח מנות: וואס איז א ריכטיגע משלוח מנות?

**ר' יואל אשר:** מחליף עם חבירו, זה שולח לזה סעודתו, וזה שולח לזה סעודתו. כדי לקיים ומשלוח מנות, מחליפין סעודותיהם. אבער ס'איז זיכער,

**ר' יצחק:** דאס שטייט שוין יא אין די פוסקים, דאס וואס מענטשן שיקן קענדיס מיט נאש איז זייער א שוואכע משלוח מנות. משלוח מנות איז א שטיקל סעודה, עט ליעסט עפעס א זאך וואס מ'קען עסן ביים סעודה,

**ר' יואל אשר:** אדער ווי מענטשן שיקן א חלה. דאס זאגסטו, פרעגן דיינע קינדערלעך באלד, און זיי זאלן זיך זייער פרייען אז ס'איז נאך אפאר מענטשן וואס שיקן אביסל נאש. דאס איז דער רמ"א ווייטער. ר' יצחק האט גערעכט, אז וואס ס'איז געשען איז אז היות מ'שיקט צו מערערע מענטשן, ממילא מאכן מער אויף די מערערע רעים, ממילא מ'איז מקיל אויף די מנות. מ'שיקט נישט א געהעריגע שיינע פארשן פון א סעודה, נאר מ'שיקט עפעס יוצא צו זיין, עפעס קוקיס מיט עפעס קענדיס דארטן, ווייל מ'קען נישט שיקן פאר הונדערט מענטשן סלייסעס פלייש. סאו אויב איינער וויל מסביר זיין א תהיל היות, זאל ער טאקע שיקן קוואליטעטפולע גוטע בשר בהמה, און ער זאל טאקע נאר

**ר' יצחק:** שיקן פאר איין מענטש. פאר זיין בעסטע חבר, פאר זיין ברודער, פאר זיין שווער, וואטעווער.

**ר' יואל אשר:** אויב ער וויל איינעם יעצט מאכן וועט ער זיין בעסטע חבר, איז זייער שיין, יא.

#### דער ירושלים'ער מנהג: קוגל מיט א פיקל

**ר' יצחק:** אין ירושלים איז די מינהג צו טיילן שטיקלעך קוגל. האסטו זען אמאל די ירושלים'ער קוגל? יא, די אלטע ירושלים'ער אידן, פורים אינדערפרי, נעמען א גרויסן טאפ פון די קוגל,

**ר' יואל אשר:** די ירושלים קוגל,

**ר' יצחק:** שניידט עס אויף, און גיט יעדער איינער א שטיקל קוגל מיט א שטיקל חמצים, א פיקל. און דאס איז אן אמת'דיגע משלוח מנות. א קוגל איז נישט קיין פלייש. אקעי, א ווארעמע קוגל האלט אויף א וועג. זיי זענען דאך ארים, זיי האבן נישט קיין געלט.

**ר' יואל אשר:** ווייסטו פארוואס זאלסט זיי מאכן א קוגל?

**ר' יצחק:** וואס איז די ביליגסטע זאך? אביסל מעל מיט צוקער.

---

### הלכה י"ז — מתנות לאביונים

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, **וחייב לחלק לעניים ביום הפורים, אין פחות משני עניים. נותן לכל אחד מתנה אחת** —

**ר' יצחק:** נישט נאר איינער,

**ר' יואל אשר:** נישט ווייניגער ווי צוויי עניים. נותן לכל אחד מתנה אחת. פאר צוויי עניים, יעדער איינער איין מתנה. וואס גיבט מען? **או מעות, או מיני תבשיל, או מיני אכלין**. זעמיר אין מתנות לאביונים.

**ר' יצחק:** מ'קען אויך זאגן תבשיל,

**ר' יואל אשר:** משלוח מנות. ס'ווערט געלט, ס'איז נישט קיין חילוק. ער איז הונגעריג, און זיין באנק אקאונט איז הונגעריג. גיבסטו פאר איינע פון די צוויי, שתי מתנות לאביונים, איז מתנות לאביונים, שתי מתנות, אנדערש ווי משלוח מנות, משלוח איז א לשון יחיד,

**ר' יצחק:** איש לרעהו, פאר זיין חבר,

**ר' יואל אשר:** איין חבר. מתנות לאביונים איז לאביונים,

**ר' יצחק:** און רעהו איז רעהו. און דאס שטייט אין די פסוקים.

**דער רמב"ם'ס סברא: מתנות לאביונים איז א גרעסערע מצוה**

**ר' יואל אשר:** אויב שטייט דארט "איש", און פון דא האלט דער רמב"ם אויך מסתמא דאס, ער גייט נאנט זאגן אז מתנות לאביונים איז א גרעסערע מצוה ווי משלוח מנות, ווייל משלוח מנות איז גענוג איינס, און מתנות לאביונים דארף מען מערערע. זעסטו אז ס'איז א לשון רבים.

זאגט דער רמב"ם, **"ואין מדקדקין במעות פורים"**. מ'דארף נישט מדקדק זיין צו מאכן זיכער אז ער איז אן עני הגון, און מאכן זיכער אז ער איז טאקע אן עני. **"אלא כל הפושט ידו ליטול"**, קען מען אונז אננעמען אז ער דארף עס, אז ער איז ארעם, **"נותנין לו"**.

**ר' יצחק:** און מ'געבט עס אים, ס'הייסט אז מ'איז יוצא. אויב עניוואן האט ארויסגעשטרעקט די הענט, האסטו אים געגעבן פאר צוויי מענטשן, האסטו שוין יוצא געווען.

**דיסקוסיע: צוויי קולות — "כל הפושט ידו" און "אין מדקדקין"**

**ר' יואל אשר:** יא, אבער "אין מדקדקין" איז מער ווי... "כל הפושט ידו ליטול נותנין לו" קען נאך נאכדעם א מענטש זיך זארגן, אבער אפשר אויב איך האב נישט געהאט א ריכטיגע עני, וועט ער זוכן נאך אן עני. "אין מדקדקין" זאגט אז אויב האסטו געגעבן פאר צוויי פושטים. זאגט דער רמב"ם ווייטער,

**ר' יצחק:** ס'איז א המשך צו זיין,

**ר' יואל אשר:** קען זיין א חומרא און א חומרא.

**ר' יצחק:** ניין, ס'איז נישט קיין חומרא, מ'איז נישט געווען פאר איד,

**ר' יואל אשר:** מ'וועט נאר געבן פאר צוויי. איינמאל מ'האט שוין יוצא געווען מתנות לאביונים, דארף מען נישט. "כל הפושט ידו ליטול נותנין לו",

**ר' יצחק:** דאס מיינט אז מ'קען זיין אז מ'איז יוצא. אוודאי, ווי מער מען געבט איז בעסער.

**געבן פאר גוים — מפני דרכי שלום**

**ר' יואל אשר:** און אויף דעם איז דא א מחלוקת אין די שולחן ערוך צו מען געבט אויך פאר גוים. ס'מאכט זיך אסאך מאל מענטשן וואס טרייען צו מיינען אז זיי זענען מזכה דעם עולם, זיי זענען מפרסם יענער און יענער, ביי יענער קונה שטייען צוויי מענטשן נאך געלט זענען גוים. די שולחן ערוך זאגט אז אויף דעם שטייט אין חז"ל אז מען געבט אויך פאר גוים מפני דרכי שלום. אבער דער טאטע זאגט, פארשטייט זיך אז אויב ס'איז דא יודן און מען געבט נאר פאר די גוים, איז מען גוזל עניים. טייטש, מען דארף מאכן זיכער געבן פאר די יודן און אויך פאר די גוים.

**ר' יצחק:** די זעלבע צען דאלער וואס מען געבט וועט מען געבן פאר אים.

**געלט פון פורים דארף מען אויסטיילן אויף פורים**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמ"א ווייטער, מוטב לאדם,

**ר' יצחק:** ווען מ'האט צוזאמגענומען געלט פאר פורים, דארף מען אויסטיילן די גאנצע געלט אויף פורים, נישט עסט. ס'איז דא איבעריגע געלט, און מ'איז עס איבעריגע געלט אויף פסח.

**ר' יואל אשר:** פסח דארף מען מאכן אן עקסטרע קאמפיין.

---

**הלכה י"ח — מוטב לאדם להרבות במתנות אביונים**

**ר' יצחק:** יעצט קומט דער רמב"ם און ער

**ר' יואל אשר:** זאגט זיין אייגענע חידוש. דער רמב"ם **מוטב לאדם להרבות במתנות אביונים**, ס'איז גוט פאר א מענטש. בעסער. אדער, א מענטש זאל מרבה זיין, צו מרבה זיין מתנות לאביונים. וואו זאל מען פאקוסן? וואו זאל מען זיין לארדזש? מתנות לאביונים מער ווי **מלהרבות בסעודתו ובשילוח** **לריעיו**. פארוואס? **שאין שם שמחה גדולה ומפוארה**, ס'איז נישטא קיין גרעסערע שמחה און שענערע שמחה, **אלא לשמח לב עניים ויתומים ואלמנות וגרים**. ס'איז נישטא קיין שענערע שמחה ווי משמח זיין די הארץ פון ארימעלייט און יתומים און אלמנות וגרים. פארוואס? פארוואס? **שהמשמח לב אומללים האלו**, איינער וואס איז משמח די הארץ פון די אומגליקליכע, **מידמה בשכינה**, איז ער זיך מיט דעם מדמה צו די שכינה, מיט דעם ווערט ער מקיים די שכינה וואס איז מלא רחמים, דער אייבערשטער איז א קל רחום וחנון.

**ר' יצחק:** היינט איז שלוש עשרה מידות,

**ר' יואל אשר:** יא? **שנאמר "להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים"**. וואס שטייט פארדעם אין פסוק?

**דער פסוק "להחיות רוח שפלים" — במקום שאתה מוצא גדולתו שם אתה מוצא ענוותנותו**

**ר' יצחק:** דער אייבערשטער, דער אייבערשטער איז... ס'רעדט פון דער אייבערשטער דא.

**ר' יואל אשר:** וואס שטייט דער פסוק פארדעם?

**ר' יצחק:** ישעיה נ"ז ט"ו, יא? אז דער אייבערשטער איז אזוי הויך, דאס איז איינע פון די פסוקים פון רבי יוחנן, "במקום שאתה מוצא גדולתו, שם אתה מוצא ענוותנותו", אז דער אייבערשטער העלפט פאר די עניים. ממילא, איינער וויל זיין פרייליך, וויאזוי ווילסטו זיין פרייליך? דו ווילסט זיין אזוי ווי א גאט, רייט? איך וויל זיין אזוי ווי דער גאט אליינס. דו ווייסט וואס א גאט טוט?

**ר' יואל אשר:** "להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים". ס'איז אינטערעסאנט, פון דעם פסוק זעט אויך אויס אז מ'זאל נישט סתם געבן פאר'ן ארימאן, נאר מ'זאל אים איינלאדן, ווייל ס'שטייט "את דכא אשכון", דער אייבערשטער זיצט מיט'ן ארימאן. אנשטאט אים געבן א דאלער און אים ארויסשטויסן, זעץ אים צום סעודה און זאג אים, "דו ביסט פארט פון מיין פעמילי".

**ר' יצחק:** דאס איז אביסל א המשך צו וואס דער רמב"ם האט געזאגט אין הלכות יום טוב.

**ר' יואל אשר:** ניין, דער פסוק זאגט עס ממש אזוי ווי... נישט נאר "בנך ובתך", נאר אויך "גרך ואניך" זאל זיין אזוי ווי דיינע קינדער. "ועניים בני ביתך". נישט אז דיינע קינדער זיצן ביי דיר, און דער עני שיקסטו, "בלייב אינדרויסן, איך וועל דיר שיקן". ברענג אים אריין.

**דער מגיד משנה: דברי רבינו יאים לו**

**ר' יצחק:** יא, און דאס אז ס'איז בעסער דאס צו טון ווי יענץ, האט דער רמב"ם אליינס מחדש געווען. דער רבי מגיד משנה זאגט, "דברי רבינו יאים לו",

**ר' יואל אשר:** ס'פאסט פאר'ן הייליגן רמב"ם. אבער איך זאג אז ס'שטימט זייער גוט מיט דעם וואס מיר האבן פריער געזאגט, אז "מתנות לאביונים" איז א לשון רבים, און "משלוח מנות" איז א לשון יחיד.

**דיסקוסיע: פארוואס איז מתנות לאביונים די גרעסטע שמחה?**

**ר' יצחק:** ס'שטימט אויך מיט דעם. איך מיין אז אויך ווייל דער רמב"ם טראכט אזוי: די עיקר מצוה פון פורים איז שמחה. און וואס איז אמת'דיגע שמחה? אזוי ווי דו זאגסט, מ'לערנט פון הלכות יום טוב, און דאס שטייט כמעט מיט א פסוק מפורש. שמחה איז צו זיין אזוי ווי לדבק בשכינה, צו געבן פאר דעם.

**ר' יואל אשר:** דו ווילסט זיין פרייליך? איך מיין אז די ווארט דא איז טיפער, אז די מצוה פון משתה ושמחה און משלוח מנות איז נישט בשלימות אויב ער טוט נישט פאר ארימעלייט. אזוי ווי ער זאגט אין הלכות סוכה, ווייל ס'ווערט א שמחת כריסו. אן אמת'דיגע שמחה, וואס הייסט אן ערליכע שמחה פון א איד, איז א שמחה וואס מ'אינוואלווד אויך ארימעלייט. סאו ווען מ'איז מקיים מתנות לאביונים, מאכט מען אז אויך די משתה ושמחה און אויך

די משלוח מנות, וואס דאס איז פאר די רייכע חברים, זאל זיין א קוואליטי. זאל זיין אן ערליכע וועג פון משתה ושמחה.

**ר' יצחק:** יא. און דאס איז די הייליגע רמב"ם'ס הלכה.

---

**הלכה י"ט — מגילת אסתר לימות המשיח**

**ר' יצחק:** יעצט גייט דער רמב"ם זאגן, געדענקט דאך, מ'דארף דאך וויסן וואס מ'גייט

**ר' יואל אשר:** טון ווען משיח גייט קומען. אה, דער רמב"ם איז דאך אויך די הלכותא למשיחא. זאגט דער רמב"ם, **וכל ספרי הנביאים וכל הכתובים עתידין ליבטל לימות המשיח.**

**ר' יצחק:** וואס האט מען פריער געפרעגט, וואס הייסט מ'לערנט נביאים אז מ'איז נישט יוצא? ניין, מ'איז נישט יוצא, ס'איז נישט דא קיין שום מצוה

**ר' יואל אשר:** וואס איז אין די נביאים וכתובים. ס'שטייט נאר די נביאות משה רבינו עליו השלום גייט קיינמאל נישט ווערן אויס, אבער די נביאים וכתובים שטייט דא ווערט בטל לימות המשיח. און וואס פון די נביאים וכתובים וועט יא בלייבן רעלעוואנט אויך לימות המשיח? מגילת אסתר. **הרי היא קיימת כחמישה חומשי תורה וכהלכות של תורה שבעל פה**, אזוי ווי די אלע הלכות, אזוי ווי די ספר משנה תורה פון די רמב"ם, אלע הלכות וואס מ'לערנט פון... **שאינן בטלין**. מ'לערנט, נו, וויאזוי הייסט עס, מהלכה למשה מסיני, שאינן בטלין לעולם, אויך מגילת אסתר ווערט נישט בטל.

**ר' יצחק'ס הסבר: פארוואס נביאים וכתובים ווערן בטל**

**ר' יצחק:** סאו, אין אנדערע ווערטער, די פשט איז פשוט. די פשט איז אז לויט די רמב"ם איז אזוי: די מצוות זענען דברים נצחים. ווי לאנג ס'איז דא א וועלט איז דא מצוות, רייט? דאס איז תרי"ג מצוות, ופירושם, וואס איז הלכות תורה שבעל פה. יעצט, נביאים וכתובים, האט דער רמב"ם געזאגט אסאך מאל, שטייט נישט קיין שום חידושים, מ'קען זיך נישט לערנען וואס צו טון. ס'איז דא דברי קבלה, אבער ס'איז נאר דרבנן, ס'שטייט שוין אין רמב"ם, מ'דארף נישט האבן די פסוק פאר דעם. אבער עס קומט אויס, פארוואס יא די נביאים וכתובים איז מוסר? יודן וואס זענען אין גלות, זיי פירן זיך נישט ריכטיג, דארפן זיי הערן מוסר פון די נביאים וכתובים. פארדעם לערנט מען די נביאים וכתובים, ס'איז נישט קיין מצות תלמוד תורה, ס'איז נישט תלמוד תורה תרי"ג מצות. דער רמב"ם שטייט נישט אין קיין הלכות ספר ישעיה, ישעיה איז מוסר, ס'פעלט אויס מוסר, לערנסטו מוסר. למשיח וועט קומען, וועט מען נישט דארפן קיין מוסר, וועט עס אלעס זיין גוט. ער וועט נישט דארפן קיין מוסר,

**ר' יואל אשר:** ער וועט נישט זיין א נייע סנהדרין. ער גייט נישט דארפן קוקן וואס חגי האט געזאגט, ער וועט הערן וואס די נייע מורם די סנהדרין זאגט.

**ר' יצחק:** ער זאגט עניוועי נישט, ער זאגט דאך בעיקר מוסר. די צוויי דריי פסוקים פון הלכות. מה שאין כן, מגילה איז דאך א מצוה מדרבנן. מצות מדרבנן גייט נישט אוועקגיין ווען משיח קומט, און ס'איז דא א מצוה אז מ'זאל ליינען די מגילה, יא? מ'זאל נישט יוצא אנליינען די מגילה. סאו, כדי צו מקיים זיין די תרי"ג מצות, פלאס די מצוה מדרבנן, גייט מען נאך אליץ דארפן א מגילה. סאו, משיח וועט קומען, מ'וועט קענען גניזה'ן ספר יהושע שופטים, משמואל ישעיה, אלעס וועט מען קענען עס גניזה'ן. אבער איין ספר וועט מען דארפן בלייבן, צוויי ספרים, מ'וועט בלייבן מיט דריי ספרים. חומש. מגילת אסתר און דער רמב"ם.

**ר' יואל אשר:** איך וויס נישט,

**דער ראב"ד'ס השגה: דבר הדיוטות הוא זה**

**ר' יצחק:** איז דא א פשוט'ע פשט אין רמב"ם? דער הייליגער ראב"ד זאגט ער פארשטייט נישט, וואס עפעס? פארוואס זאל מען זיין "דבר הדיוטות הוא זה, כי לא יבטל ספר מכל הספרים, שאין ספר שאין בו לימוד"? וואס הייסט, ס'פעלט אויס. האט דער ראב"ד געזאגט אן אנדערע פשט,

**ר' יואל אשר:** אז ס'מיינט עפעס ליינען ברבים.

**דער מגיד משנה: האמת יורה דרכו**

**ר' יצחק:** אבער דער מגיד משנה זאגט, "ואם כוונתו" — דער רמב"ם זאגט אזוי, אפשר מיינט ער דעם

**ר' יואל אשר:** פסוק אז "לא יאמרו עוד" דער אייבערשטער האט אונז ארויסגענומען פון ארץ מצרים, נאר דער אייבערשטער האט אונז ארויסגענומען פון דעם און דעם.

**ר' יצחק:** אבער וואס איז מיט פורים? דער מגיד משנה זאגט אזוי, אבער "יש כאן השגה, ואם כוונתו כפשוטו לימות המשיח, האמת יורה דרכו". דאס הייסט, דער מגיד משנה איז נישט געווען זיכער אויב דער רמב"ם מיינט ממש אז ליבטל לימות המשיח כפשוטו, אפשר איז עס א משל,

**ר' יואל אשר:** אפשר מיינט ער בעולם הבא, אדער ער מיינט נאר לימות המשיח?

**ר' יצחק:** ניין, איך מיין מ'דארף ליינען אנדערש. ער זאגט, ער איז נישט געווען זיכער צו דער רמב"ם מיינט כפשוטו. אפשר מיינט דער רמב"ם טאקע אזוי ווי דער ראב"ד האט פארשטאנען,

**ר' יואל אשר:** אז ס'בליבט ווייטער א חלק פון תורה, מ'גייט דאך נישט ארויסוואַרפן, אויך נישט די כתבי

**ר' יצחק:** הקודש גייט מען דאך אויך נישט מבטל זיין,

**ר' יואל אשר:** אדער מורה נבוכים. אבער אלס א זאך וואס ס'איז דא אויף דעם א תקנת קריאה,

**ר' יצחק:** וועט עס פשוט נישט זיין.

**ר' יואל אשר:** דער מגיד משנה זאגט אז זיי קריגן זיך נישט, דער רמב"ם און דער ראב"ד.

**קשיא אויפן מגיד משנה: מען דארף וויסן וואס צו פסק'ענען!**

**ר' יצחק:** ניין, ער ווייסט נישט. אבער אויב ער ס'איז כפשוטו, זאגט ער, לימות המשיח, "האמת יורה דרכו", ווייסטו וואס? משיח וועט קומען, און מ'וועט זען צו דער רמב"ם איז גערעכט אדער דער ראב"ד. אבער ס'איז נישט ריכטיג וואס דער מגיד משנה זאגט, ווייל מ'דארף וויסן וואס צו פסק'ענען דעמאלטס. אויב די מענטשן ביי ימות המשיח וועלן פסק'ענען אזוי ווי דער ראב"ד, וועלן זיי טון אזוי ווי דער ראב"ד. אויב זיי וועלן פסק'ענען אזוי ווי דער רמב"ם כפשוטו, וועלן זיי טון אזוי ווי דער רמב"ם. מ'קען נישט זאגן, משיח וועט קומען וועט מען וויסן. וויאזוי גייט מען וויסן?

**פורים לעתיד לבוא: דער ענין פון ימי הפורים לא יבטלו און יום כיפור**

**הלכה ב (המשך) — צו דער רמב"ם און ראב"ד קריגן זיך**

**ר' יצחק:** זאגט

**ר' יואל אשר:** דער מגן אברהם אז זיי קריגן זיך נישט, דער רמב"ם און דער ראב"ד.

**ר' יצחק:** ניין, ער ווייסט נישט. אבער אויב ער ס'איז כפשוטו, זאגט ער, לימות המשיח אמת ארץ תצמח, ווייסטו וואס? משיח וועט קומען, וועט מען זען צו דער רמב"ם איז גערעכט אדער דער ראב"ד. אבער ס'איז נישט ריכטיג וואס דער מגן אברהם זאגט, ווייל מ'דארף וויסן וויאזוי צו פסק'ענען דעמאלטס. אויב די מענטשן ביי ימות המשיח וועלן פסק'ענען אזוי ווי דער ראב"ד, און זיי טוען אזוי ווי דער רמב"ם כפשוטו, וועלן זיי טוען אזוי ווי דער רמב"ם. משיח וועט קומען, וועט מען וויסן.

**ר' יואל אשר:** וויאזוי גייט מען וויסן? די סנהדרין וועט פסק'ענען.

**ר' יצחק:** אקעי, דארף מען וויסן צו די סנהדרין וועט פסק'ענען ווי דער רמב"ם אדער אזוי ווי דער ראב"ד.

**ר' יואל אשר:** זיי וועלן האבן נאך מקורות, ווייסטו, זיי וועלן זיין מורה ודאין, זיי וועלן שמעקן צו מ'דארף האבן... איך ווייס נישט.

**הלכה ב — „ואף על פי שכל זכרון הצרות יבטל... ימי הפורים לא יבטלו"**

**ר' יואל אשר: "ואף על פי שכל זכרון הצרות יבטל"**, זאגט דער רמב"ם, הגם ווען ס'גייט זיין די גאולה גייט מען פארגעסן די צרות, **שנאמר "כי נשכחו הצרות הראשונות"**.

**ר' יצחק:** לכאורה מיינט עס נישט נאר זכרון הצרות, נאר אפילו די גאולה אויף זיי, מ'האט דאך אינגאנצן פארגעסן דערפון.

**ר' יואל אשר:** יא, אינטערעסאנט. דער פסוק "כי נשכחו הצרות" אליין גייט אויך ווערן פארגעסן אז ס'איז געשטאנען אין די פסוקים. **"ימי הפורים לא יבטלו", שנאמר "וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם"**.

**ר' יצחק:** פארוואס? וואס איז אזא גוטע יום טוב? פארוואס זאל מעןווארטן ביז ווען משיח וועט קומען? הגם מ'האט יא פארגעסן די צרות, מ'האט פארגעסן דאס אז המן האט געוואלט הרג'ענען, ער ווייסט נישט, אויף דעם קען מען זיך טרינקען אן פורים.

**ר' יואל אשר:** און פארשטייט זיך אז אין דעם איז דא אסאך פארשידענע טיפערע תורות וואס איז דער ענין פון די "ימי הפורים האלה לא בטלים".

### הלכה ב (המשך) — דער ענין פון יום כיפור לעתיד לבוא

#### דער ירושלמי און מדרש משלי: יום הכיפורים וועט נישט בטל ווערן

**ר' יצחק:** יא, וויבאלד אונז לערנען יעצט ערב יום כיפור, זאל מען דערמאנען...

**ר' יואל אשר:** און ס'איז בעסד אויף א ירושלמי, רייט?

**ר' יצחק:** יא, ס'איז א ירושלמי, און א מדרש אין משלי, און נאך א פלאץ ווערט געברענגט אין די פיוט. און דער מדרש אין משלי זאגט אז אסתר'ס תקנה איז נישט נתבטל, ער ברענגט דעם פסוק, און נאכדעם זאגט רבי אלעזר דארט, און זיי האבן געזען נעכטן, אז אף יום הכיפורים וועט נישט נתבטל ווערן, ווייל ס'שטייט **"ועשו לכם חקת עולם"**. און "חקת עולם" טייטשט ער אויף אייביג.

#### חידוש: יום כיפור וועט זיין ווי פורים

לכאורה מיינט ער צו זאגן, הגם יום כיפור איז זיך נאר מוחל זיין עבירות, איז דאך ענליך צו נביאים וכתובים, וואס איז נאר מוסר קעגן עבירות, מ'וועט נישט זינדיגן און מ'וועט נישט דארפן יום כיפור. זאגט ער, ניין, ס'איז דא א בחינה אז יום כיפור וועט זיין אזוי ווי פורים. אזוי ווי פורים קען מען פייערן אפילו ווען מ'פארגעסט פון די צרות, מ'וועט סתם פייערן, מ'וועט זיך פרייען מיט'ן אייבערשטן. איז לעתיד לבוא וועט זיין יום כיפור, מ'וועט זיך פרייען מיט'ן אייבערשטן.

#### דער תיקוני זוהר: יום כ-פורים

און דהיינו די דברי התיקוני זוהר, וואס די תיקוני זוהר זאגט אז בזמן הזה איז יום כיפור א עינוי, פארוואס מ'דארף תשובה טון. ממילא איז דא יום כיפור און ס'איז דא פורים. דאס איז דאך די זעלבע זאך. יום כיפורים, ס'איז ווי יום כיפור און ס'איז פורים. זאגט דער זוהר, לעתיד וועט מען מתענג זיין, מ'וועט נישט פאסטן יום כיפור, ווייל דאס דארף מען נישט, אבער מ'וועט זיך יא פרייען, מ'וועט זיך אזוי מאכן יום כיפור.

**ר' יואל אשר:** פון דארטן האט דער זיידע דער עטרת צבי געוואוסט.

**ר' יצחק:** אז מ'קען זאגן מתענג,

**ר' יואל אשר:** קען מען זאגן מתענגען. מ'זאגט אזוי, יא,

**ר' יצחק:** ווייל די... אקעי.